

קול לובלין

"לובלינער שטימע"

שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו"ל ★ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס' 29 • חשון־כסלו תשנ"ד • תל־אביב • נאָוועמבער 1993 • נומער 29

ביקור שלישי בפולין

סויקה ארליכמן־בנק

לנסיעתי הפעם היו ארבע מטרות:

1. טקס זכרון ל50 שנות מרד גיטו וארשה.
2. נסיעה כעדה עם קבוצת נוער.
3. התקנת לוח הנצחה למשפחתי, בבית הקברות בלובלין.
4. הופעת ספרי בשפה הפולנית.

המסלול שלי היה וארשה, טיקוצ'ין, טרבלינקה, מיידאנק, לובלין – ובחזרה לווארשה, לטקס עם ראש הממשלה.

נסעתי עם תלמידים מבית החינוך "שער הנגב". הקבוצה הייתה מוכנה היטב למסע. המלווים היו: צוות מורים נהדר ועדה, חברתי מגיטו וארשה, שהייתה במילה 18 ויצאה דרך תעלת הביוב. הלה רופאייזן ואני... לצעוד ביחד עם הלה ברחובותיה של וארשה אחרי 50 שנה, גם בזה היה טעם מיוחד.

טרבלינקה בפעם השניה. הפעם עם הנוער. הסתובבתי אתם בין 1700 האבנים המסמלות קהילות יהודיות שנהרסו. כל אחד מהמבקרים חיפש את קהילת משפחתו. אחרי זה ערכו טקס, שבו בין היתר הקריאו שמות קרובים שנרצחו, וזאת במסגרת "לכל איש יש שם". אחד המורים אמר "קדיש". בהנחת זר כיבדו אותי, לזכר שתי אחיותי שניספו כאן. ההתחשבות של ילדים, כמעט זרים, באישה זקנה שביניהם, ריגשה אותי עד לדמעות.

בביקורנו בבית הכנסת בטיקוצ'ין, חיכה לי המו"ל מביאליסטוק עם הספרים, שיצאו בהוצאתו בפולנית בשם: "מכתבים מהגיהנום". (תרגום ספרי "בידי טמאים").

הגענו ללובלין. בעצם – למיידאנק. בביתנים עמדו ילדים מזועזעים מול המוצגים שנגד עיניהם. כל פעם קבוצה אחרת של בנים או בנות פרשה הצידה, בוכיים ללא בושה. הסתובבתי ביניהם ובמילה פה ושם, בלטיפה על הגב השתדלתי להרגיע. בחדר עם הנעליים, הקריאו שיר של משורר פולני, טאדאוש צ'ייקה, "הנעל", שתרגמתי לעברית. בין נעליים אלה חיפשו התלמידים את רגליהם של סבתות, דודות ודודים, שדשדשו כאן בבוץ ובדרך לתאי הגזים.

ע"י האנדרטה של העפר, נערך הטקס עם דגלים, זרים ושירת "התקווה". לי חיכתה כאן ידידתי, היסטוריונית מהמוזיאון, הגברת מאדאלובה, שאותה מקווה אני לארח השנה בביתי.

בבואי למלון, חיכו לי הלובלינאים, שהכרתי מביקורי הקודמים.

קבוצה שלנו, שמיהרה לאושוויץ, לא הספיקה הרבה לבקר למחרת בלובלין. עברנו את רחובות הגיטו, התעכבנו ע"י האנדרטה לזכר הלוחמים היהודים באיזור, נסענו לבית הקברות הישן, עברנו ע"י ישיבת חכמי לובלין ובית החולים. ביקור בזק. חבל.

teatrnn.pl

נפרדתי מהקבוצה בכוונה לבקר בביקור פרטי את הידידים מלפני המלחמה וסתם להסתובב ברחובותיה הישנים של לובלין.

וכאן ציפתה לי אכזבה. בלובלין הכינו לי תוכנית מלאה. ביקור בארכיון השוכן ע"י הקתדרה בבניין שהוקם במקום, בניין הסמינר למורים, בו למדה אחותי הנקה. ושוב צצו הזכרונות של פגישות עמה.

משם נסענו למשרדי המוזיאון במיידאנק, לפגישה עם מנהלה החדש. בערב נפגשתי עם משפחת מארצ'אק, שעשו נסיון להיקלט בישראל ולא הצליחו. למחרת הרגשתי צורך לפקוד קבר השכנים הפולנים, שעזרו לנו בעת המלחמה ואותם חייבים לזכור. אחרי הצהריים היה לי מפגש עם קוראים בחנות הספרים הגדולה ברחוב קראקובסקיה־פשדמישצ'ה. בחלון ובסביבה התנוססו פלקטים, בעתונות הייתה פרסומת על המפגש עם סויקה ארליכמן מישראל, ילידת לובלין, עם הופעת ספרה בפולנית. זה קרה באותו קראקובקיה־פשדמישצ'ה, שליהודים רבים לפני המלחמה לא היה נוח לטייל...

המפגש עם הקוראים היה מרגש. רבים מהם – משפחות מעורבות. באו לשמוע, אבל למעשה, באו לספר את קורותיהם בזמן הכיבוש. שאלות ותשובות אין ספור. משם מיהרנו לאולפן הטלוויזיה. הופעה קצרה. המראיין רצה להתמקד על חלקם של ניצולי השואה מפולין בבניין הארץ.

ובערב – טלפונים הביתה.

למחרת בבוקר, פגישה עם כומר וולינסקי בכנסייה קאתולית ברחוב קוניצקיגו, לשעבר ביחבסקה. בית־הכנסת שהיה קיים שם ובו התפללו סבא ואבא, הופצץ בזמן המלחמה. בשטח קמה כנסייה שעל דגלה חרטה: "קירוב בין הדתות". הם שלפני שנה זיכו את טדי קולק ואותי בציון על מעשים למען הזולת. (הציון נקרא "לב למען הלב"). בפנים כנסייה זו, בנובמבר האחרון, הותקן לוח כתוב בעברית לזכרם של היהודים שנרצחו במיידאנק בשנת 1943. היוזם – ד"ר שמחה וייס טוען, שזאת הכתובת הראשונה בעברית בכנסייה בפולין, תרומתה של אווה וייס, בתו ז"ל.

ושוב זכרונות מהילדות. ימי חג, ואני ילדה קטנה למטה על הבמה מחזיקה ברגל סבי החזן... הוא לפחות מת מוות טבעי.

גם ברדיו לובלין חיכתה לי תוכנית של שעה וחצי. תוכנית יפה. שירי גיטו, קטעים מספרי בהם שידרה הכתבת שיחות אתי. התוכנית דומה לגל ב', שבה ישנה גם פרסומת. בעת הפרסומת, הצמידו לי שני מכשירי טלפון שלמספרם התקשרו אלי מאזינים עם שאלות שונות והשתדלתי לענות לפי מיטב הבנתי וזמני. היו ששאלו בקשר לספר, שהספיקו כבר לקרוא.

באותו ערב חיכתה לי עוד פגישה מעניינת, עם נשים בעלות עמדה בעסקים ומנהלות מוסדות בריאות וחינוך. נשות שמחפשות קשר עם היהודי, עם של היסטוריה משותפת. דיברנו גלויות. דיברנו על אנטישמיות מלפני המלחמה, בזמן ואחרי המלחמה ועל אנטישמיות בפולין ללא יהודים. הן חיפשו גשר ועיקר קשר בין הנוער, גשר לעתיד טוב יותר. שאלו: אם אפשרי קשר בין נוער גרמני ויהודי, אז למה לא בין העם הפולני? דיברו על חילופי נוער בקייץ, במשפחות מוכנות לארח. הן טענו שלפולין יש היסטוריה בת אלף שנים ולא רק מחנות ריכוז.

אם אפשריים קשרים עם אוקראינה, אז עדיפים הפולנים, לו בזכות עיסוקם הרב היום על עברנו המשותף.

ושוב הייתי חייבת לחזור לוורשה, לקבוצה שלי. פגישות נוספות בוטלו. את הטקס בוורשה ראיתם יותר טוב מאתנו, בטלוויזיה הישראלית. אבל איך לתאר לכם את ההרגשה בלכתנו יום קודם ברחובותיה כמעט שוממים של איזור, בו התכוננו לטקס? ברחובות שבזמנים ההם, עם צאתנו לצד הארי, רדפו אותנו המוני מלשינים. איך יכולים לתאר, מה הרגשתי בהיותי על המגרש מתחת לים של דגלים כחול־לבן שהביאו מכל קצוות התבל? סביבי דיברו יהודים נרגשים בכל שפות העולם – ומולי, חברי לנשק וראש ממשלת ישראל, שהלך עם הנשיא ולנסה, הנותן לו כבוד של "יהודי האמיתי". איזה נאום הכינו לו! סביב, בחלונות הפולנים, דלקו נרות לכבוד היהודים הלוחמים. אולי היו ביניהם אלה שבאפריל 1943 שמחו ש"Żydki się smażą!" ייתכן שהיו גם נכדים של אלה שהושיטו עזרה.

לי זלגו דמעות של צער על החברים שאינם, גם דמעות של גאווה להיות שייכת לאותה קבוצת המטורפים, שהעיזו למרוד. ואושר שזכיתי להגיע לכאן עם נוער ישראלי.

עם סיום הטקס ניתנה לנו האות לזוז לשדה התעופה, **בחזרה הביתה**. מאושרים שהיינו, מאושרים לשוב הביתה מלאי שאלות ובעיות.

התוכן • אינהאלט

סויקה ארליכמן־בנק / ביקור שלישי בפולין 1
אירית גוטליב (גברץ) / והזמן עומד מלכת 3
אסתר לנגלבן־קלוויר / קורות משפחה
אחת מלובלין 4
יחיאל גרנטשטיין / לא מיניאטורה! 5
צפורה דסקל / טיול בגמר הסמסטר הראשון 5
יוליאן גזשעשיק / א שוועסטער און ברודער
טרעפן זיך נאָך 50 יאָר 6
ראובן ראָסעט / א טאָג אין לובלין – זומער 1992 7
דוד שטאָקפיש / געבליבן זענען שטיינער
מיט נעמען 8
א. לאסקאָווסקי / ניש פארגעסן אונדזער
יידישע לובלין 10
א. שעדלעצקי / א לעבעדיקער ייד מיט
מיידאנעק אין הארץ 11
יהושע פיאַסעק / אָנדענק־צערעמאָניע
אין לובלין 12
מאָניש איזראעלעוויטש / יידישע טעמאטיק
אויפן לובלינער אוניווערסיטעט 15
אברהם קוואטערקאָ / כיהאָב ליב די
"לובלינער קינדער" 16
לובלינער יידן האָבן געפייערט דעם 45סטן
יום העצמאות 17
נחת פון לובלינער: סויקא ערליכמאן־באנק;
לייבל אָבליגענהארץ;
מאָטל טרייסטמאן; זהבה ליכטענבערג 21
און פון לובלינער קינדער: פון אסתרל און
משהלע כץ; פון מאניע און
יוסף זאָבערמאן; פון רבקהלע און דוד שטאָקפיש 23
שמחות ביי לובלינער 25
באשטייערונגען פארן "קול לובלין" 26
משה זאלצמאן/ ביי די לובלינער־פארטשעווער
אין פאריז 27
מען שרייבט אונדז 29
לזכרם – צום אָנדענק 31
T. BROZEK/ NAUCZANIE PAMIĘCI 43
URSZULA PRZYBYLA/ DZIEJE ŻYDÒW NA ZIEMIACH 44
POLSKICH 44

והזמן עומד מלכת...
אירית גוטליב (גברץ)

כשמתקרב חודש נובמבר, שוב צצות ועולות זכרונות עגומים מהשואה. למרות שעברו כבר 51 שנה מהאירועים שהתרחשו אז – עדיין ברורות התמונות.

אחרי חיסול הגיטו הקטן במאידן טטרסקי, הועברה משפחתינו לפירמה "קרמין". אותו קרמין היה גרמני מברלין, בעל "ראש יהודי". הוא השתדל לעזור במידת האפשר לעובדיו היהודים, ומאידך היה מיודד עם הצמרת הגרמנית. העובדה הזאת איפשרה לו להדליף אזהרות לעובדיו. אחרי שהגיטו המצומצם חוסל, נשאר בלובלין מספר קטן של עובדים יהודים, אשר עבדו בכמה מקומות והיו נחשבים כבעלי מקצועות, הנחוצים לגרמנים.

בסוף חודש מאי 1943, הופיע אצלנו קרמין והודיע, שעלינו להמלט מיד, מפני שחבריו מהס"ס הודיעו לו, שהם מתכוננים להגיע אליו ולחסל את עובדיו. אני הייתי אז בעבודה. (למרות גילי הצעיר, הייתי חייבת גם לעבוד). עבדתי בשטיפת בקבוקים. בזמן העבודה, הופיע אבי ואסף אותי ואת יתר בני המשפחה. השארנו מאחורינו את הכל והסתתרנו לכמה ימים אצל נוצרים בלובלין. אני הוסתרתי אצל שופט מסויים, שהיה אחד מידידי אבי המנוח. לעולם לא אשכח את המחזה, איך שאבי עמד ושרף את כל התעודות והתמונות, שהיו שייכות לנו. תוך כמה ימים התארגנו והחלטנו לברוח לוורשה. אבי דאג לצייד את כולנו בתעודות מזוייפות, שאנחנו פולנים נוצרים. כמובן, שלכל אחד מאתנו היה שם שונה. שמי היה אז קריסטינה גריידה.

הנסיעה ברכבת לוורשה, היתה מאד מפחידה. במשך כל זמן הנסיעה, היו חיפושים ברכבת, אבל הצלחנו להגיע לוורשה, בלי תקלות. שם התחלקנו לשתי קבוצות. אחותי הקטנה ז"ל ודודתי, הסתתרו אצל שתי אחיות נוצריות. ואילו אני ואבי, הוסתרנו יחד עם עוד שתי משפחות מלובלין: משפחת צינמון, בעל ואשה עם ילדה; וזוג נוסף, אשר האשה היתה הבת של רובנליכט מרחוב ברנדינסקה בלובלין. (הוא היה נוטריון ואשתו היתה רופאת שיניים). אותה משפחת רובנליכט, היתה מקורבת למשפחת אמי המנוחה.

לגבי השכנים, גרו בדירה הקטנה של חדר אחד רק שתי הנשים: הגב' קינמון והגב' רובנליכט. רובנליכט היה שמה מהבית. ועכשיו, לפי מיטב ידיעתי, היא נקראת הורן ומתגוררת בארצות הברית. בעלה, שגם הוא לובלינאי, משמש עכשיו כרופא. את המצב בדירה לא קשה לתאר. צפיפות, איסור מוחלט של תנועה מפחד השכנים וכו'. אחרי שהיה שם של כמה שבועות, נשמעו דפיקות בדלת. כמובן, שאף אחד לא ענה ולא פתח. כשהסתכלנו החוצה, ראינו שני שוטרים פולנים ("כחולים"). כמובן שהיינו חייבים לעזוב את הדירה לאלתר. אני נשלחתי לכפר וסולה ע"י וורשה. שם הסתתרתי אצל משפחה, תמורת תשלום הולם. למשפחה היתה וילה קטנה ואני הסתתרתי אחרי הארון, באחד החדרים. אחרי שחלף חודש ולא נשלח התשלום עבורי דרך אבי, זה הדאיג אותי מאד, בקשר לגורם של אבי. הפולניה, אשר אצלה שהיתי, לא היתה מוכנה לחכות יותר לתשלום והיא גירשה אותי מביתה, לא הרשתה לי לקחת אפילו מעיל מעיל, למרות שזה כבר היה סתיו.

בלית ברירה חזרתי לוורשה ושם פניתי שוב לדירה הקודמת, שבה שוב הסתתרו הלובלינאים. שם נודע לי, לצערי, שאבי יצא באחד הימים לרחוב ולא חזר. כנראה, שנלכד ע"י הפולנים, אשר צדו יהודים ברחובות וורשה, כדי לשדוד אותם ולהעביר אח"כ לידי הגרמנים. מכיוון שהשהיה בדירה היתה מסוכנת, דרשו דייריה שאעזוב את הדירה. הייתי במצב של יאוש. פשוט הסתובבתי ברחוב, בלי שום מוצא. וכאילו שמלאך הזדמן לדרכי. באמצע הרחוב פגשתי את אברהם מנדלבאום, אשר הפך אחר כך לדודי, ע"י נשואין עם דודתי גוצ'יה. מאותו הרגע, הוא עזר לי ודאג לי למקום מחבוא. במשך שנה הסתתרתי אצל פולנים שונים, תמורת תשלום. על ההרפתקאות אשר עברו עלי, אפשר לכתוב ממש ספר.

בחודש אוגוסט 1944, התחבאתי בדירה בעיר העתיקה בוורשה. בדירה היתה גם משפחה וורשאית עם בן קטן. הדירה היתה נעולה ובכל כמה ימים, היה בא אלינו אדם פולני ומביא לנו מזון וציוד. באחד הלילות התעוררנו וחשנו ריח של עשן. אנחנו לא הבנו מה מתרחש בחוץ. פרצנו את הדלת ורצנו החוצה. רצנו בין בתים בוערים. הגענו למרתף של אחד הבתים ושם הסתתרנו. שמענו כל הזמן הפגזות ויריות, אבל עדיין לא ידענו מה קורה בחוץ. במשך הזמן נגמר לנו המזון, אשר הספקנו להביא מהדירה. מיואשים, שכבנו על הרצפה הקרה של המרתף, צמאים ורעבים. פתאום נשמעו צעדים על המדרגות של המרתף. פטרול גרמני עמד בפתח. מבוהלים, הבטנו בהם. הגרמנים חקרו אותנו ואנחנו הצגנו את עצמנו כפולנים. לכולנו היו תעודות מזוייפות. הגרמנים נתנו לנו אוכל ושתיה ולקחו אותנו לכפר לא רחוק מוורשה. משם שלחו את המשפחה לאיכרים ואילו אותי שלחו לעבודות כפיה לגרמניה.

מצאתי את עצמי בקרון מלא נערות פולניות. אחרי מסע של כמה ימים, הגענו לברלין. שם נשלחנו לעבודה בבית־חרושת. כמובן, שחברותי הפולניות לא ידעו שאני יהודיה. במשך כל הזמן הייתי עדה להערות האנטישמיות שלהן. ברלין הופצצה. בתקופה האחרונה הפציצו את העיר יומם ולילה, שלא היתה אפשרות אפילו לצאת לעבודה. ב־24 לאפריל נכבשה העיר ע"י הרוסים ובעיקר הרובע שבו שהיתי.

אחרי כיבוש העיר, החלטתי לחזור ללובלין.

ארגון יוצאי לובלין בישראל • תל־אביב, דיזנגוף 158

הזמנה לערב אזכרה לקדושי לובלין והסביבה

שתתקיים ביום ד' 1.12.93 (י"ז כסלו תשנ"ד), בשעה 7 בערב בבית המלין בתל־אביב, רח' וייצמן 30.

בהשתתפות: **החזן אריה בראון**, החזן הראשי לצה"ל.
תלמידי בית־הספר "עלומים" ברמת השרון.
דוד שטוקפיש, יו"ר הארגון – הרצאה.
אברהם לסקובסקי, דברי פתיחה.
הדלקת 6 הנרות. לזכר הנפטרים.

האולם יהיה פתוח משעה 6 בערב.

אוטובוסים: כל הקווים העוברים ברחובות ארלוזורוב, ז'בוטינסקי וככר המדינה.

קורות משפחה אחת מלובלין

אסתר לנגלבן – קלוויר

ר' יהושע'לה לנגלבן ז"ל

מלחמת העולם הראשונה. ובמלחמה – כמו במלחמה. פחד, מצוקה, חרדה ומבוכה. ושבעתיים גרוע כשהנך יהודי. או אז, הפורעים פורקים עול וידם חופשיה לפרעות.

זה קרה בניז'ני־נובגורוד. למרות השלג הכבד שכיסה את אדמת רוסיה, ולמרות שעד לחג הפסח היו עדיין חודשים רבים, ה"פטריוטים" הפרבוסלביים החליטו, שהיהודים חטפו ילד נוצרי, כדי להקיז את דמו לשם אפיית מצות. לך ושכנע את הפנאטים הפרימטיביים האלה, שזו עלילה. עלילת דם. וכתוצאה מכך – פוגרום. מי שיצא מזה חי, אסף מה שנשאר – ונשאר מעט מאד והחלה הבריחה. החורף היה קשה, וכל הדרכים היו מלאות פליטים. כל אחד חפש מפלט. הלילה היה לבן. ירח מלא. שלג וקרח. קור ורעב.

בין הפליטים, מצאו את עצמם גם זוג צעיר ויפה עם שני ילדים קטנים בזרועותיהם – מוטלה וחיימקה. הראשון היה בן 4 והשני תינוק בידיה של האם. הם ברחו מערבה לקרובים בלובלין. רצו להתעכב אצל אחות האם בווֹלין, הגיעו בכוחות האחרונים למקום והתברר להם, שהבית לא קיים כבר והמשפחה איננה. הילדים נרדמו, ויכלו לעצור לרגע קט. בפחד איום נוכחו לדעת, שהמוטלה איננו עימם. הלך לאיבוד. קפואים ורעבים התחילו לרוץ ולקרוא לילד, אבל לשוא. כשהשמש הקפואה שלחה את קרן האור הראשונה, הבחינו בעגלה רתומה לסוס ובין חבילות ועוד ילדים ישב מוטלה ובכה. אנשים טובים אספו אותו. לדמעות לא היה קץ וגם לשמחה.

הדרך נמשכה שבועות וחודשים. שבורים ורצוצים, בדרך לא דרך, הגיעו לאחותה של אדלה היפה, אם המשפחה – אל רחלה גולדמן שהתגוררה בלובלין ברחוב בוניפרטרסקה 1.

משפחת גולדמן היתה משפחה אמידה, אבל המלחמה לא פסחה גם עליה ופגעה בפרנסתה וברכושה. אבל, עוד נשאר להם די הצורך, בכדי לקיים את הניצולים, את משפחת לנגלבן, פליטי החרב.

ר' יהושעלה לנגלבן, ראש המשפחה, היה אדם יפה תואר, אציל ומשכיל. לא נולד ברוסיה, אלא בוולודבה, פלך לובלין. אביו, ר' מרדכי ז"ל, נמנה על מקורבי המגיד מטריסק. בין גנזי המשפחה היתה שמורה אגרת בכתב ידו של המגיד. ר' יהושעלה היה ישר ומכובד, אציל ועדין נפש, תלמיד חכם. מלא וגדוש ידיעות ביהדות, תרבותה העתיקה והחדישה וכן בלימודי החול. כשהתאוששו מתלאות המלחמה, עברו לגור בדירה משלהם, ברחוב רוסקה 14. ר' יהושעלה, איש גדוש בידע, בחר בעבודה קרובה לליבו – הוראה. וכך, המשפחה התפרנסה בכבוד. רבים מנכבדי העיר לובלין היו תלמידיו. בני אייכנבאום, זילבר, צוקרמן, מוקוטובסקי, קצנלנבויגן, שטיצר ואחרים. הם שמעו תורה מפיו על מכמני השפה העברית ותרבותה החדישה. הוא גידל דור של חובבי ציון.

השפה השלטת בבית היתה העברית. היה זה בית חם. שני הבנים גדלו לתפארת. מוטלה, כשסיים את לימודיו, התמסר לעבודת טכנאות השיניים ועשה בה חיל. חיימקה בחר בתנועה ציונית. בעודו תלמיד, הצטרף לשומר הלאומי ואחר כך לבית"ר. זו היתה דרכו בחיים. בתור ביתרי, לא יכול היה להגיע באופן ליגאלי לארץ. הוא בחר באלטרנטיבה אחרת – עליה ב'. בשנת 1939, בחודש יולי, הגיע לארץ באניה "פריטה", שהטילה את עוגנה בחופי תל־אביב. נעצר בידי הבריטים ושחרר ממעצרו ביום פרוץ מלחמת העולם השניה. הקים משפחה ונולדו שתי בנות לתפארת.

כשפרצה מלחמת השמד השחורה משחור, נמוגו חלומותיהם של ר' יהושעלה ומשפחתו להצטרף לבני המשפחה בארץ. נגמרו הביקורים של אנשים חשובים. בא הקץ על השיחות המלומדות עם שלום אש וחותנו, שהיו מבאי ביתו בעבר. שיחות חכמים שהתקיימו על מרפסת הווילה באוטבוצק, לשם עברה המשפחה לאחרונה.

פתאום מצאו את עצמם שוב בין הפליטים. במלחמת העולם הראשונה הגיעו מרוסיה עם זרם הפליטים ללובלין. הפעם, במלחמת העולם השניה, דרכם היתה לכיוון ההפוך, חזרה לרוסיה. שוב תלאות, פחד ומצוקה. הפעם, היו בני הזוג אנשים מבוגרים והדרך קשתה עליהם. ופלא, יד הגורל – כמו אז, שוב הלך מוטלה לאיבוד בין המוני הפליטים. אי־אפשר היה להתקדם מרוב צפיפות. ההורים התקדמו עם זרם ההמונים, תוך בכי ובפחד רב לגורל בנם האבוד. אבל, כמו אז, בעיר חלם שוב התאחדה המשפחה.

הם הגיעו בכוחות מדולדלים לאוקראינה ושם מצאו מקלט בקרב המשפחה. העוני והרעב היו מנת חלקם. הם כתבו מכתבים לבנם בארץ. ביכו את מר גורלם של היהודים והעיר לובלין שהיו קשורים אליה ואהבו אותה. מאד רצו להגיע ארצה. אבל איך? היו עייפים ומחוסרי כל. קיבלו אזרחות רוסית בהתאם לצו הסובייטי – אזרחות או סיביר. קבלת האזרחות אפשרה להם לא לנדוד יותר. הם היו מבוגרים וסחוטים. כל אחד מהם קיבל שי – חולצה לעורם. היה זה ממש רכוש. קוו, ולא זכו להגשים חלומם להגיע פעם לישראל. הגרמנים – הנאצים הארורים, השיגו גם אותם. במהומות המלחמה המחודשת ניספו האב והאם. ה"נחמה" היחידה שיש לבנם הצעיר הנמצא בארץ היא, שבמותם חסכו מעצמם את מאידנק, אושוויץ או טרבלינקה.

רק מוטלה נשאר בדרך נס ופלא בחיים. אחרי תלאות וייסורים אין קץ, הגיע ללובלין ומשם לאוטווצק, שם גרו לפני המלחמה. דרכו היחידה היתה לרחוב גורנה 11, לווילה פיניא. רצה לראות מה קרה לביתם ולרכושם. יד פולנית פגעה בו. הפולנים חשבו שהפליט שב לדרוש את ביתו ורצחו אותו. בן 36 היה במותו.

סוף טראגי למשפחה יפה ונכבדה מלובלין. רק נר נשמה ביום השואה נשאר מהם. יהי זכרם ברוך. קורות משפחה אחת מלובלין.

לא מיניאטורה!

יחיאל גרנטשטיין

לא! לא מיניאטורה, ולא סיפור. הלאה עם הדמיון. אין לו כל ערך. המציאות אכזרית, והיא סוטרת על הפנים, חותכת בשר החי כסכין מושחזת. היא לא זקוקה לאיור שייפה את המסופר כאן. התצלום־העד, הוא הסיפור שבאמיתו קורע את הלב. סיפור שלעולם לא ימוצה, שיסופר עד דור אחרון, כי "בנים יוולדו, יקומו ויספרו לבניהם".

הבה איפוא, ונטה אוזן:

תחת הכותרת "חיפוש קרובים", מתפרסם בשנתון של יוצאי עיר לובלין בישראל, "קול לובלין" גליון מס 28, חשון־כסלו תשנ"ג, נובמבר 1992, מכתב באידיש שתרגומו יבוא להלן. מתחת למכתב תצלום הקשור לבעל־המכתב. וזה התוכן שלו:

"שמי יַן' דולֶמבסקי, מתגורר בפולין. מוצאי מיהודים. שם המשפחה של הורי אינו ידוע לי. באתי לישראל כדי להרחיב את חיפושי־קרובים שלי. קורותי מתחילים ב־15 באוקטובר 1944 בלובלין. ההורים שאימצוני, בערך בגיל שנתיים, לקחוני מבית־יתומים נוצרי בלובלין. היה לי אז סימן ספציפי ברגל ימין הקיים עד עצם היום הזה. על היד שלי ענדתי סרט ובו היה רשום השם "טומצ'יו נ." כך מספרים לי הורי המאמצים.

אם נמצא בחיים מישהו הציל כנראה את חיי, או יודע על ילד כזה, אנא לכתוב אלי לפי הכתובת. ברצוני לציין שהורי מאמצי יַאן ולֶיאוֹקַדיה דולֶמבסקי התגוררו בשנות המלחמה בעיר הרוביֶשוב, פולין.

מצורף בזה תצלום מאותה תקופה. הילד – זה אני והילד דאז, היום כבר בגיל למעלה מחמישים, וודאי כבר בעל־משפחה, שואל שאלה מחרדת הלב: "מי אני?" הוא יודע, ו"הוריו" הפולנים המאמצים יודעים שהוא אינו בנם, ויותר מזה, שהוא יהודי מבטן ומלידה, וכעת, אחרי זמן כה רב שחלף – יובל שנים – הוא רוצה שיעזרו לו לגלות את שם משפחתו, את שמם היהודי של הוריו האמיתיים שנרצחו, נורו, או נשרפו בכבשן. המנוחה, כנראה, ממנו והלאה. אפשר גם אפשר, שמאחור, ומלפניו, צועקים לעברו "זשיד". אולי נטפלים אליו שונאי־יהודים ברחוב, עלול עוד לקבל מכות. אבל מה שלא יהא, מחפש עתה האיש את אחיו, את עמו, ואת עצמו בתוכם.

כיצד הגיע לאותו בית־יתומים קתולי בלובלין, ומתי? באוקטובר 1944, הוא נלקח משם על־ידי המשפחה המאמצת בשם דולֶמבסקי, והוא אז בגיל שנתיים. הגירוש ההמוני של היהודים מלובלין התבצע על־ידי הגרמנים עדיין בשנת 42, בעיקר למחנות־מוות בלז'ץ ומאידנק. העיר התנקתה מיהודיה. ולכן מותר להניח שהילד היהודי הזה "טומצ'יו נ.", נמסר, מיד אחרי שנולד, למישהו (תמורת כסף או לא) וההוא, אדם בעל־מצפון, לא העניק אותו במתנה לגרמנים, אלא העבירו לבית־היתומים הקתולי, והמשפחה הפולנית הנ"ל, מסיבה זו או אחרת, רצתה בילד, וקיבלה אותו מן המוסד.

כך או אחרת, מתוך התצלום מביט לעברו ילד יהודי שניצל אמנם ממוות, אבל נפשו לא ניצלה. גדל, התחנך, ועד עתה הוא חי כנוצרי אלא, שמשהו אירע כנראה. משבר פוקד אותו. לא טוב לו. הגיע לארץ־ישראל, למדינת היהודים, לחפש קרובים, ועמו בקשה דרמטית שיעזרו לו במצוקתו.

וכשקוראים את מכתבו, חשים כי לא בדיו כתב אותו, אלא בדם־תמצית. הוא זועק לעבר אחיו היהודים: "עזרו לי לפענח את התעלומה שלי. עזרו לי לדעת מי אני, ומי הורי".

מי ישמע קריאה זאת, יביט בעיניו של הילד היהודי המתוק הזה, ולא יחרד, ולא יזדעזע?

ואגב: מי יודע כמה קולות כאלה של ילדים יהודיים שנטמעו בין הגויים נישאים בחלל וזועקים כבר יובל שנים: "מדוע השארתם אותנו בין זרים? מדוע לא פדיתם אותנו, את כולנו, משבי הגויים?"

"מי יודע אם לקולות אלה אינה מתערבת גם בכיים־יללתם של מיליוני הנספים היהודים בבורות ובמחנות, בגיטאות וביערות, על שלא השכלנו להחזיר את ילדיהם, בניהם ובנותיהם, אל חיק העם? ממי עליהם לתבוע את עלבונם, אם לא מאחיהם שזהו ונותרו בחיים, ומאלה שלא ידעו כלל את כל הפורענויות, את התופת האיומה?

★ ★ ★

באומרנו "קדיש" אחרי קרבנות השואה, כל יהודי אחרי קרוביו, יש מקום לבקשת סליחה מבורא הנפשות ומהוריהם של הילדים שבשעות הסכנה מסרום לידי גויים להצלה עד שיעבור זעם, בעשותם להם סימנים שונים שיזכירו להם, או שיזכרו, כי יהודים הם, ואנחנו הותרנו אותם בשבים. בקשת הסליחה והמחילה נדרשת מאיתנו על שעשינו מעט מאוד, מעט מאוד, כדי לפדות את הנפשות הקטנות, נשמות יהודיות. מידי הגויים, ובגין כך נעקרו מתוך עמנו. בקשת הסליחה והמחילה נדרשת מיהודי העולם כולו, ממנהיגי העם בתקופה של אחרי מלחמת העולם השנייה, על שלא עשו את האפשרי ואת הבלתי אפשרי, כדי להוציא את כל הילדים היהודיים שבדרך זו או אחרת הגיעו לכנסיות, למינזרים, לבתי־יתומים קתוליים, ולשאינם בני־ברית פרטיים.

מי יודע אם ננוקה אי־פעם מחטא זוועתי זה.

נתפלל שיסלח לנו היושב במרומים, אב כל הנשמות של בני אברהם, יצחק ויעקב, על שאננותנו בימים ההם כלפי גורלם של צאן־קדשים השבויים בידי זרים – צאצאיהם של הורינו, אחינו ואחיותינו שהושמדו אך ורק בשל היותם יהודים.

("יום ששי", ח' טבת תשנ"ג – 1.1.93)

טיול בגמר הסמסטר הראשון

צפורה דסקל

בשלושה אוטובוסים יצאנו דרך בקעת בית־שאן, 145 איש ואישה, הלומדים במכללה בעפולה – ופנינו לירושלים. ביקור בירושלים מהווה תמיד חוויה, גם אם בקרת בה פעמים רבות.

אנו מבקרים בהיכל שלמה – בית הכנסת הגדול הרחב ידיים, על חלונות־ויטרג' הססגוניים, המרהיבים ועל נברשותיו המהודרות. מכאן נוסעים לתצפית, המשקיפה על העיר העתיקה, לאורכה של הטיילת, בסביבת ארמון הנציב העליון לשעבר.

גם ללא משקפת, אתה יכול להבחין בשטח "ממלכת בית דויד", חומת העיר העתיקה עם הר הבית, מסגד עומר, כיפת הסלע, צריחי הכנסיות הרבות, הכנסת, אוניברסיטת המורמונים, מלון "הילטון" המתנשא אל־על ועוד ועוד. ראייה רחבה מאוד ומרשימה.

מכאן, ביקור בהיכל המשפט העליון החדש, על ארכיטקטורה חדשנית מאוד, עם תאורת־יום, על־ידי חדירת אור נסתר. חצר עם שני מעברים ארוכים, עם תקרה קמורה מעל העמודים הרבים, המחוברים בגשרון, המעביר לשני חלקי

←

א שוועסטער און ברודער טרעפן זיך אין לובלין נאָך 50 יאָר

(אן אויסטערלישע, נאָר אמתדיקע געשיכטע)

יוליאַן גזשעשיק* / לובלין

אין יאָר 1935 איז די יידישע באַפעלקערונג אין לובלין, און באַזונדערס די וואָס האָבן געוווינט אויפן "זאַמד", געוואָרן אויפגעטרייסלט פונעם איבערגיין אויפן קאַטוילישן גלויבן פון דער 16־יאָריקער רויזע זיידען, די טאָכטער פונעם שוסטער אויף 1טער מאַי גאַס 35. נאָך א קורצער צייט איז דער פאָטער געשטאָרבן, די אלמנה האָט שפעטער זיך פארבונדן מיט א צווייטן מאן און אין שטוב זענען געבליבן צוויי קינדער – די דערמאָנטע ראַזאַ און איר עלטערער ברודער לעאָן.

* מחבר פון עטלעכע ביכער אין פויליש, דייטש און רוסיש, מיט א סך ליבשאַפט און באַוווּנדערונג פארן יידישן פאָלק, א גרויסער יידן־פריינט, וווינט אין לובלין.

ראַזאַ האָט געלערנט אין דער פוילישער ("פּאַוושעכע") שול הינטער דער צוקראַווניע, ווו זי איז געווען דאָס איינציקע יידישע מיידל צווישן דער מאַסע פוילישע שילערס און שילערינס. בעת די לעקציעס פון דער קריסטלעכער רעליגיע, איז זי געבליבן אין קלאַס, הגם זי האָט געקענט פארלאָזן. א סברה, אז זי האָט שוין אין די יונגע יאָרן ארויסגעוויזן אינטערעס צום קאַטעכיזם.

נאָך דעם ווי די דייטשן זענען אין סעפּטעמבער 1939 אריין אין לובלין, האָט לעאָן מיט נאָך עטלעכע יידישע יוגנטלעכע פארלאָזט די שטאָט און זיך אוועקגעלאָזט אויף מזרח. ווען זיי זענען געשלאָפן אין א סטאָדאָלע ביי אן אוקראַינער אויפן דאָרף, האָט לעאָן זיך איבערגעכאַפּט און באַמערקט, ווי דער אייגנטימער איז מיט א האַק אריין אין דער סטאָדאָלע און אוודאי געוואָלט דערהרגענען וועמען פון די שלאָפנדיקע. אזוי ווי לעאָן איז געלעגן ביי דער טיר, האָט ער באַוויזן צו אנטלויפן. נאָר איינער פון די יוגנטלעכע איז שפעטער צוריק געקומען קיין לובלין און דערציילט, אז לעאָנען האָט מען אוודאי דערהרגעט יענע נאכט אין סטאָדאָלע – און מ׳האָט אים באַטראַכט אז ער לעבט נישט מער.

שפעטער איז געוואָרן באַוווּסט, אז ער האָט זיך דערשלאָגן קיין קיעוו און בלייבנדיק אָן מיטלען צו לעבן, האָט ער זיך געמאָלדן צו פאָרן אויף ארבעט אין טיף רוסלאַנד. אים, מיט א סך אנדערע, האָט מען אָבער אוועקגעפירט אין ארכאַנגעלסקער געגנט, ווו מ׳האָט זיי אויסגענוצט ביי שקלאַפן־ארבעט פון אויסהאַקן וועלדער.

נאָכן אויסברוך פון דער דייטשיש־סאָוועטישער מלחמה, איז ער געוואָרן מאָביליזירט אין דער רויטער ארמיי און זיך דערשלאָגן צום ראַנג פון לייטענאַנט. ער איז אויך געוואָרן פאַרוווּנדעט אויפן פראָנט. ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דער גרינדונג פון דער פוילישער ארמיי אין ראַטן־פארבאַנד, האָט לעאָן, ווי א פוילישער בירגער, געבעטן מ׳זאָל אים אריין נעמען אין דער ארמיי. מ׳האָט אים אָבער באַשולדיקט לויטן פּאַראַגראַף 58 – אַנטי־סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע – און אים פארשיקט אין לאַגער אויף 10 יאָר. דערפון איז ער דאָרט געווען 7 יאָר.

נאָכן באַפרייען זיך פון לאַגער, האָט ער געטוישט דעם נאָמען אויף לעאָן זיידענקאָ, חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין שטעטל מאַקעיעווקע, נישט ווייט פון דאָניעצק. אויפגעשטעלט א היים און האָט דריי טעכטער און דריי זין.

★

אין דער צייט פון מיין אומאויפהערלעכער טעטיקייט, במשך 20 יאָר צו באַזאָרגן קיין ראַטן־פארבאַנד, אויף אַן אומלעגאַלן אופן, פארשטייט זיך, די ביבל, האָבן מיר איינגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט פיל בירגער אין יענעם לאַנד און אויך געראַרגרייכט אין דאָנבאַס. אזוי ארום האָבן מיר אויך אנטדעקט

הבית הגדול. ועוד חצר גדולה עם מים זורמים בתעלה צרה (אולי סמל לצדק שיזרום כאן?). כל זה, אומרים, סגנון ים־תיכוני (הגם ישראלי?). הצלחנו לבקר רק באולם הקטן, בין חמישה אולמות המיועדים למשפטים. ביתר התקיימו דיונים ולא נתאפשר ביקור בהם. מעניין מאוד מבנה הספרייה על שלושת הקומות וצורת ראייתן. בית היכל המשפט נמצא בקרבת הכנסת.

מכאן נוסעים ל"יד־ושם" ונכנסים לעולם שנחרב – כליון של מיליון ומחצה ילדי יהודים, בידי חית טרף הנאצית. בחושך העמוק נוצצים כוכבים – לכול ילד – כוכב. המוסיקה המלווה – יללה, החודרת ללב.

מדממה עמוקה בוקעים שמות הילדים וגילם. הלב לוחץ, כה לוחץ. מבקרים באוהל יזכור, עם שמות אימה של מחנות ההשמדה, קצת מעל, מלבן, תחתיו אפר של גופות שרופים, שנאסף מגיא ההריגה, עליו: זרי פרחים. נוחו! נוחו! ששה מליון יהודים מעונים, ושרופים...

יוצאים – השמש יוקדת, השמים כחולים. ושוב נוסעים לבקר העבר הרחוק יותר: הדגם של הבית השני, על־יד מלון "הולילנד" היפה, בו אנו סועדים את ארוחת הצהריים. מנוחה קצרה ודרך שדרת חסידי האומות, מגיעים בנסיעה, לביקור בבקעת הקהילות החרבות, חמשת אלפים קהילות יהודים, שהיו ואינם עוד. נכנסים למבוך סלעים: על סלע ארוך וגדול שם העיר המחוזית, לצידה סלע עם שמות הקהילות, שסביב לה.

אני מחפשת בקדחתנות את עירי לובלין על יהודיה והנה הם: 45 אלף, בתוכם משפחתי. רק סלע גדול, שותק... הסתיים יום ארוך, מלא וגדוש רשמים ומעניין.

תודתנו הרבה ליהודית שפוך ולשולה ברק, שאירגנו ודאגו לכול זה. כמו כן למדריך יצחק ולנהג דני, שהחזיר אותנו בריאים ושלמים הביתה.

קיבוץ מרחביה

לעאָנען אין מאקעיעווקע. ס'איז שווער צו שילדערן די פרייד פון לעאָנען, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט מיין פרוי, וועלכע איז געבוירן און אויפגעוואָקסן אין קאָשמינעק, א געגנט בשכינות מיטן "זאמד", ווו לעאָן האָט געוווינט. אָבער דעמאָלט האָט איינער, צי איינע נישט געוווסט פון צווייטן. נאָר בעת דעם דערמאָנטן צוזאמענטרעף, האָט לעאָן געזאָגט, אז מעגלעך דאָס זיין שוועסטער ראָזא, האָט אלס קאטוילישע פרוי זיך געראטעוועט און לעבט נאָך אפשר אין לובלין. מיר האָבן די פּרטים פון לעאָנען איבערגעשיקט צו אונדזערע פריינט אין לובלין, וואָס האָבן זיי גלייך פארבעטן קיין לובלין. איך מיט מיין פרוי זענען נאָך א גאנצן חודש ארומגעפאָרן איבער אוקראינע און נאָכן אומקערן זיך א היים, האָבן מיר געטראָפן לעאָנען, וואָס האָט אָן דערפאָלג געזוכט ידיעות וועגן זיין שוועסטער און משפּחה.

א שבתדיקן טאָג האָב איך לעאָנען מיט זיינע קינדער ארומגעפירט אין שטאָט, מיר האָבן באזוכט פארשידענע ערטער, אויך די בתי־עלמינס. צומאָרגנס, זונטיק, האָבן מיר פארבעטן צו זיך א היים א גרופּע פריינט, צווישן זיי – אויך יידן פון לובלין. איך האָב פאר די אנוועזנדיקע פאָרגעשטעלט די געסט פון אוקראינע און אינפאָרמירט, אז זייער זון פּיאָטר האָט גרויס חשק צו באזעצן זיך אין ישראל. נאָר די פרוי וואנדא לאָטעטער האָט אָנגעהויבן אים אָפּרעדן פון אזא שריט און געברענגט דעם ביישפּיל פונעם זון פון דער פרוי מארטשאאק, וואָס האָט פאר דער מלחמה געוווינט אויף דער 1טער מאי גאס און איבערגעגאנגען צום קאטוילישן גלויבן, – אז אויך איר זון האָט זיך געפילט ווי א ייד, געפאָרן קיין ישראל, אָבער אים איז שווער דאָרט זיך איינצואָרדענען און ער איז צוריק געקומען קיין לובלין**.

איך האָב אינפאָרמירט די מענטשן ביי אונדז אין שטוב, אז אויך לעאָן האָט געוווינט אויף דער 1טער מאי גאס און זוכט זיין שוועסטער, וועלכע האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. די אנוועזנדיקע פרוי וואנדא האָט פעסטגעשטעלט, אז ער איז ענלעך צו מאריא (ראָזא) מארטשאאק – און אויפן אָרט זיך פארבונדן מיט איר טעלעפאָניש. ראָזא האָט טאקע באשטעטיקט, אז זי האָט געהאט א ברודער, ווען די אוקראינער האָבן דערהרגעט מיט א האק. דאָ האָט מען דעם טעלעפאָן איבערגעגעבן לעאָנען – און מיר אלע האָבן אין שפּאנונג געוואַרט: מיט וואָס וועט דאָס געשפּרעך זיך פארענדיקן? ארויסגעוויזן האָט זיך, אז נאָך 50 יאָר, האָבן שוועסטער און ברודער זיך אָפּגעפונען און אלע אנוועזנדיקע אין אונדזער שטוב האָבן גענומען וויינען פון דער גרויסער איבערראשונג.

די פרוי וואנדא האָט מיט איר אויטאָ צוגעפירט לעאָנען מיט די קינדער צו דער שוועסטער, וועלכע האָט אים אָפּגעוואַרט פארן הויז – א גרעיזטע, מיט טרערן אין די אויגן. נאָכן ערשטן בליק, האָט זי פעסטגעשטעלט: "טאַק, טאָ יעסט אָן!" ("יאָ, דאָס איז ער"!).

נאָך די ערשטע אויסדריקן פון ממש היסטערישער פרייד און טרערן, האָט ראָזא מיך געפרעגט, ווי אזוי האָב איך אויסגעפונען איר ברודער – נאָך העכער א האלבן יאָרהונדערט. איך האָב איר געענטפערט, אז דאָס איז צו פארדאנקען דער ביבל (תנ"ך), וואָס מיין פרוי און איך זענען אירע דינערס און א דאנק דעם טרעפן מיר זיך מיט ווערטפולע מענטשן. צווישן זיי – מיט לעאָן זיידענקאָ, וואָס וווינט אין מאקעיעווקע אויפן דאָנבאס, אויף דער מאָלאָטשנע גאס נומער 3.

(סוף אויף ז' 14)

א טאָג אין לובלין — זומער 1992

(פון א פּריוואטן בריוו)

ראובן ראָסעט / סאַן פּאולאָ

ליבער פריינד דוד! דו ווילסט איך זאָל באשרייבן מיינע איינדרוקן פון א באזוך אין פּוילן. גלייכער וואָלט געווען, ווען איך פּאָר אינגאנצן נישט אהין. דעם אמת געזאָגט, האָב איך שוין פון לאנג געהאט באשלאָסן נישט איבערצוטרעטן די שוועל פון דאָזיקן לאנד, וואָס אמאָל האָב איך עס באטראכט ווי מיין היים. צופיל פיינלעכע זכרונות, באזונדערס פון דער חורבן־תקופה, וועלכע איך האָב מיט א טייל פון מיין פארצווייגטער משפחה אדורכגעמאכט אין יענער פינצטערער צייט – זענען געווען א שטערונג צו פאָרן אהין. איך האָב געוווּסט, אז דאָרט איז נישט געבליבן קיין איינציקער מענטש, וועמען כ'זאָל קענען באגריסן און מיט אים זיך פרייען. נישטאָ קיין שכן, קיין חבר, קיין פריינט. בפרט נאָך, אז אלע יאָרן האָט מיך באגלייט דער טרויער און ווייטיק פון אויסמאָרדן מיין פאמיליע. פונדעסטוועגן, האָב איך דאָס מאָל זיך געלאָזט איינרעדן, אז דאָס יאָר 1992 איז דאָך אנדערש, ווייל אויב מיר וועט זיך פארגלוסטן אומקערן קיין בראזיל, איז דער וועג אָפן.

ענדלעך איז דער באשלוס געפאלן. א געוויסן טאָג ביך איך, מיין זון אלעקס און די שוועגערין באשע (פון ישראל), אָפּגעפלויגן קיין ווארשע און נאָכן איבערנעכטיקן אין האָטעל, האָבן מיר אין דער פרי גדינגען א טעקסי אויף א גאנצן טאָג און ארייגעפאָרן קיין לובלין.

א גאנצן וועג האָט אין מוח געעגבערט די פראגע: האָבן די פּאָלאקן געענדערט זייער באציונג צו יידן? האָט זיך ביי זיי דערוועקט א חרטה־געפיל? און ווי זעט היינט אויס יידיש לעבן אין פּוילן – כמעט אָן יידן? אין דעם מאסן־מאָרד וועלכן די נאציס האָבן אדורכגעפירט איבער אונדזער פאָלק, האָבן זיי דאָך געהאט אקטיווע מיטהעלפערס פון באדייטנדיקע טיילן פון פּוילישן פאָלק. איז דאָך דער רוב טויט־לאגערן אויפגעשטעלט געוואָרן אין פּוילן.

ארויסקוקנדיק דורכן פענצטער פון דער טעקסי, אויף דער טראסע ווארשע־לובלין, האָב איך געדענקט, אז איך געפין זיך ווידער אינעם לאנד פון מיידאנעק, אוישוויץ, טרעבלינקע, סאָביבאָר. אז דאָס דאָזיקע לאנד איז געווען באוווינט פון מיינע אור־עלטערן און עלטערן. אָבער דאָס איז דאָך געווען מיט א סך א סך יאָרן צוריק, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, דעם 1 טן סעפטעמבער 1939 – און מער פון א

העלפט יידן, וואָס האָבן פון די 11 מיליאָן געלעבט אין אייראָפּע, זענען אין משך פון זעקס יאָר אומגעקומען מיט אלע מיתה־משונה׳ס...

אונדזער ערשטער באזוך אין געווען אין מיידאנעק. איך דארף דיר נישט שילדערן די דאָזיקע מאָרד־פאבריק, ווו הונדערטער טויזנטער אומשולדיקע קרבנות זענען אומגעקומען פון די היטלעריסטישע רוצחים. נאָר די פּאָלאקן האָבן דאָס דאָזיקע אָרט איצט פארוואנדלט אין א מוזעאום, אין וועלכן מ׳האָט איבערגעלאָזט די בעראקן, די גאז־קאמערן, קרעמאטאָריעס און אָנדענק ערטער, דעם מאסן־קבר און א מאָנומענט.

דערנאָך זענען מיר צוגעפאָרן צום בית הקברות, אויף דער געוועזענער אוניצקא־גאס, וועלכער איז געוואָרן באנייט דורך שׂרה און מאנפרעד פרענקעל פון אנטווערפּען. איך האָב דאָרט געפינען די אויפשריפטן אויף צוויי מצבות, אויף וועלכע עס זענען דערמאָנט די נעמען פון מיין אומגעקומענער משפחה, ווי איך האָב דאָס באשטעלט ביי דער פרענקעל־פונדאציע אין ווארשע.

אין דעם געוועזענעם בנין פון דער ישיבה חכמי לובלין, ווו עס געפינט זיך היינט א מעדיצינישער אנשטאלט, איז ביים אריינגאנג פאראן אן אויפשריפט "אויף דעם אָרט האָט פאר דער מלחמה זיך געפונען די ישיבה". אין א קליינעם צימער ליגט א טלית, א סידור און אויך א פאָטאָגראפיע פונעם הרב שאפּיראָ מיט די תלמידים.

נאָכן מיטאָג אין א רעסטאָראן אויף דער קראָקעווער פאָרשטאָט־גאס, איבערן געוועזענעם שיך־געשעפט פון קוראָפּאַטווע, זענען מיר אינעם גרויסן זאל בסך הכל געווען נאָר מיר פיר – דריי טוריסטן און דער שאָפער. דאָס עסן האָט אמבעסטן עדות געזאָגט וועגן דער לאגע אין פוילן. דערנאָך איז מען צוגעפאָרן קיין טשעכיוו, דאָס אָרט ווו איך האָב פאר דער מלחמה געלעבט א סך יאָרן – און כ׳האָב דאָרט גאָרנישט און קיינעמען דערקענט. האָבן מיר זיך געלאָזט אין דאָרף פּלאָשאָוויץ, 10 קילאָמעטער פון לובלין, ווו איך און א טייל פון מיין משפחה זענען געווען אויסבאהאלטן אין די מלחמה־יאָרן, ביי דעם דרוזשניק פּאָושעדניאַק. פּלוצום האָט די טעקסי זיך אָפּגעשטעלט אויף אן אָרט, פון וואנען ס׳איז ארויסגעקומען א שיקסל און ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז איז דאָס אייניקל פון דער פוילישער פרוי, וועלכע האָט אונדז געהאָלפן אין יענער פינצטערער תקופה. אויך די אלטיטשקע איז צו אונדז ארויסגעקומען – און אונדזער באגעגעניש איז געווען א הארציקע און פריינטלעכע. זי האָט מיר אפילו געוויזן די בריוו מיט פאָטאָגראפיעס, וועלכע איך האָב צו איר געשיקט נאָך דער באפרייאונג. פארשטייט זיך, אז איך האָב איר איבערגעלאָזט א סומע געלט און מיר האָבן זיך געזעגנט מיט פריינטשאפט. זי האָט זיך אפילו צעוויינט און דערציילט, אז זי האָט די גאנצע צייט דערמאָנט אונדזערע נעמען. (אויך איצט באקומט זי פון מיר א סומע געלט יעדן חודש). פארנאכט זענען מיר צוריק געווען אין ווארשע און נאָכן איבערשלאָפן דאָרט די נאכט, בין איך אוועק קיין ציריך, ווו מיין פרוי האָט אויף מיר געווארט.

אזוי, מיין פריינד, איז אדורך מיין איינטאָגיקער באזוך אין לובלין....

געבליבן זענען שטיינער מיט נעמען...

דוד שטאָקפיש

ביים אָנדענק־שטיין "לובלין" אין "טאָל פון די חרובע קהילות". פון רעכטס: משה קאָרן, דוד שטאָקפיש, משה זאלצמאן.

ליד המצבה "לובלין" ב"בקעת הקהילות החרבות" ביד ושם בירושלים. עומדים מימין: משה קורן, דוד שטוקפיש, משה זלצמן.

א

...זענען מיר דריי לובלינער יידן – משה קאָרן, משה זאלצמאן און דער שרייבער פון די שורות – אריינגעפאָרן קיין ירושלים, כדי זען און זיך איבערצייגן, צי האָט אויך אונדזער לובלין, מיט די יידישע שטעט און שטעטלעך ארום איר, באקומען א תיקון אינעם ריזיקן פאראייביקונג־פּראָיעקט פון יד ושם, וואָס טראָגט דעם נאָמען "בקעת הקהילות החרבות" ("טאָל פון די חרוב געוואָרענע קהילות"). ס׳איז פאר אונדז געווען אן איבערראשונג דער פארנעם און אויסזען פון דעם

פראָיעקט, ווו 5 טויזנט מקומות פון אייראָפּע און צפון אַפריקע, ווו ס'האָבן געלעבט מינימום הונדערט יידן, האָבן באַקומען זייער אָרט אינעם "טאָל".

מיר האָבן ביי דעם שטיין **לובלין** – LUBLIN געפינען נאָך צענדליקער נעמען־אויפשריפטן, אין ביידע שפּראַכן, פון שטעטלעך אין לובלינער וואָיעוואָדסטווע, וואָס דערוועקן אַזוי פיל זכרונות, געפילן און נאָסטאַלגיע, ווייל יעדן איינעם פון אונדז, האָט יעדער נאָמען עפּעס דערמאָנט פון די יוגנט־יאָרן, שוין אָפּגערעדט פון לובלין גופא. מיר פאַרייסן די קעפּ אין דער הויך און באַמיען זיך צו לייענען די אויפשריפטן: דעמבליך־מאַדזשיץ, ריקע, מאַטשעיאָוויצע, פּוריסאָוו, זשעלעכאָוו, סאָבאָלעוו, לוקאָוו, קאָצק, לאָמאַזי, ראַדזין, קאָנסטאַנטין, טערעספּאָל, קאָמאַראָווקע, אירענאַ, ביאַלא פּאָדלאַסקי, מעזריטש, באַראַנאָוו, קוזמיר, פּולאַווי, קאָנסקעוואָליע, יוזעפאָוו, נאַלענטשאָוו, קאָריוו, אָפּאָלע, וואָנוואָלניץ, גליסק, באָדעל, מיעכיוו, לענטשנע, בעלזשעץ, קראָשניק, לובאַרטאָוו, פּירליי, טשעמערניק, פּאַרטשעוו, טראַוווניק, פּיוסק, ווישניץ, וולאָדאַווע, אָסטראָוו – און נאָך און נאָך.

מיר זענען איינשטימיק, אַז הגם לובלין האָט שוין עטלעכע, זייער בכבודיקע פאַראייביקונג־ערטער, ווי אין "מרתף השואה" אין ירושלים, דער דענקמאָל אין נחלת יצחק און דער אָנדענק־צימער אין תל־אביב, שוין אָפּגערעדט פון די צוויי יזכור־ביכער און דער פאַקט, וואָס דריי שולן (אין חיפה, רמת השרון און ראשון־לציון) האָבן אדאפּטירט די אומגעקומענע יידישע לובלין – איז אָבער דער שטיין מיט די אויפשריפטן אין דער "בקעת הקהילות החרבות" דער סאַמע עפעקטיווער, איינדרוקספולער און שטאַרקסטער אויסדרוק פון "יזכור" נאָך די אומגעבראַכטע יידישע קהילות בכלל און נאָך אונדזער יידישער לובלין בפרט.

אונדז בלייבט נאָר צו רעקאָמענדירן יעדן לובלינער ייד פון לאַנד און פון אויסלאַנד, אַז ער זאָל עולה רגל זיין קיין ירושלים און ביים קוקן – און באַוווּנדערן – די שטיינער, אויך זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון זייערע נאָנטע, די קרבנות פון די נאַצישע רציחות.

ב

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער דאָזיקער "טאָל"?

"בקעת הקהילות החרבות" ("טאָל פון די חרובע קהילות") איז דער נאָמען פון נאָך אַ פּראָיעקט־אויפטו פון יד ושם אין ירושלים. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס געוויסע צייטונגען האָבן דעם אויפטו פאַרגליכן צום כותל המערבי, ווייל "ביידע סימבאָליזירן דעם אַמאָליקן גלאַנץ, וועלכער איז מער נישטאָ"...

נאָך העכער 10 יאָר מחשבה און מעשים פון היסטאָריקער, אַרכיטעקטן, בעלי־מלאכה'ס (און געלטזאַמלערס), איז איינגעשטעלט געוואָרן דער "טאָל" – אַן אויסטערלישע "קאָמפּאָזיציע" פון ריזיקע בלאָקן פון געלבלעכן, ירושלימער זאַמדשטיין, אויף אַ הייך פון 6 מעטער, לויט דער מאַפּע פון אייראָפּע און צפון אַפריקע אין יאָר 1939. די דאָזיקע מאַפּע נעמט אַרום 5 טויזנט ערטער און נעמען פון יידישע קהילות, ווו ס'האָבן זיך געפונען נישט ווייניקער פון 100 יידן. די אויפשריפטן זענען אויף עברית און מיט לאַטייניש אותיות.

אַזוי צום ביישפּיל, איז דער הויכער, צענטראַלער שטיין מיטן אויפשריפט: וואַרשה – WARSZAWA, אַרומגענומען מיט אויפשריפטן פון יענע מקומות, וואָס האָבן זיך געפונען אין נאָענטער, געאָגראַפישער שכנות פון פוילנס הויפּט־שטאָט, אין איר וואָיעוואָדזטווע, צי פּאָוויאַט. דער זעלבער פּרינציפּ איז אויך גילטיק לגבי אַלע אַנדערע וואָיעוואָדישע שטעט, ווי לובלין, לאָדזש, ביאַליסטאָק, ווילנע, קראָקע, פּויזן. די גרויס פונעם אות פון דער אויפשריפט אויף די שטיינער, אַנטשפּרעכט, פּיל ווייניק, דעם פאַרנעם פון דער דערמאָנטער קהילה.

די ביז איצטיקע רעאַליזירונג פונעם פּראָיעקט האָט אָפּגעקאָסט 12 מיליאָן דאָלאַר, צונויפגעזאַמלטע פון באַשטייערונגען ביי יחידים, אָרגאַניזאַציעס און לאַנדסמאַנשאַפטן. אַ סברה, אַז עס וועט זיך פאָדערן נאָך אַזאַ סומע, כדי ענטגילטיק אויסברייטערן און פאַרפולקאָמען דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן מאָנומענט לזכר די אומגעבראַכטע יידישע קהילות.

אין דער דערעפענונג פונעם "טאָל" האָבן אנטייל גענומען אַ 5 טויזנט פּערזאָן, ביי דער אנוועזנהייט פון פּרעזידענט, פּרעמיער, עדגאַר בראָנפמאַן פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, דיניץ פון דער סוכנות, יוסף בורג און יצחק ארד, לייטער פון יד ושם, וואָס האָט צוו. אנד. דערקלערט:

"דער טאָל סימבאָליזירט אַ חרובע וועלט, וועלכע מ'האָט קובר געווען אויף שטענדיק, איבערלאָזנדיק נאָר רואינעס אויף ערטער פון איר פריערדיקער פּראַכט".

ג

דער "טאָל פון די חרוב געוואָרענע קהילות" אין נאָר איין אויפטו פונעם פאַראייביקונג־צענטער פון יד ושם, וועלכער נעמט אַרום:

- דעם מוזעום צו דער געשיכטע פון דער שואה;
- יזכור־זאַל;
- די ביימער־אַלייע לכבוד די "חסידי אומות העולם";
- דעם "יד לילד היהודי";
- דער מאָנומענט פון סקולפּטאָר נתן ראַפּאַפּאָרט לזכר די געטאָ־קעמפער אין וואַרשע;
- שטודיר־ און סעמינאַר־צימערן;
- מוזעום פון קונסט אין דער תקופה פון דער שואה;
- בית הקהילות;
- אַרכיוו און ביבליאָטעק.

די אידעע איינצושטעלן אַ טאָל צום אָנדענק פון די חרובע קהילות, האָט אַרויסגעבראַנגט יצחק ארד, געוו. פּאַרטיזאַנער, וואָס איז שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פונעם אָנדענקקאָרט אין טרעבלינקע, ווו יעדע אומגעבראַכטע דאָרט קהילה, האָט איר שטיין מיטן געהעריקן נאָמען. אַזוי אין טרעבלינקע, ווי דאָ, אין ירושלים, זענען געבליבן נאָר די נעמען פון קהילות פון מזרח און מערב אייראָפּע, פון צפון און דרום אייראָפּע, מיט אַ צוגאָב פון אייניקע קהילות אין צפון אַפריקע.

←

נישט פאַרגעסן אונדזער יידישע לובלין

א. לאַסקאָווסקי

(פונעם ארויסטריט אויף דער אזכרה אין נחלת יצחק, אין טאָג פון אומקום און גבורה)

אין יאנואר 1942, איז אויף דער וואנזעע־קאָנפערענץ אין בערלין באשלאָסן געוואָרן "די ענטיגלטיקע לייזונג פון דער יידן־פראגע", וואָס האָט געמיינט – אומברענגען די פארבליבענע יידן אין אייראָפּע. און פאר דעם צוועק, זענען גילטיק אלע מיטלען, ווי: גאז־קאמערן, קרעמאטאָריעס, מאסן־עקזעקוציעס, פּיין און יסורים.

היינט, ווי יעדעס יאָר, פארזאמלען מיר זיך דאָ, ביים מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאנעק, כדי ווידער זיך דערמאָנען אין די זעקס מיליאָן קדושים, די קרבנות פונעם היטלעריסטישן מאסן־מאָרד, פון וועלכן ס׳האָט ביז דעמאָלט נישט געוווסט אונדזער געשיכטע און מארטיראָלאָגיע. גאנצע יידישע קהילות אין אייראָפּע זענען אומגעקומען אויף אן אכזריותדיקן אופן. און צווישן זיי – דאָס פּוילישע יידנטום, דער גרעסטער יידישער צענטער. פון א ישוב פון דריי און א האלבן מיליאָן, זענען ניצול געוואָרן א 250 טויזנט.

איצט, ווי יעדעס יאָר, ווען מיר ברענגען צום אויסדרוק אונדזער טיפן טרויער און די אומפארהיילטע ווּנד נאָך דעם גרויסן אומגליק. נאָר אזעלכע צוזאמענטרעפן שטארקן אונדזער גייסט און אונטשלאָסנקייט, נישט דערלאָזן מער אזעלכע נאציאָנאלע קאטאסטראָפעס – תמיד געדענקען די רציחות פון דייטשישן צורר און גלייכצייטיק נישט פארגעסן די לויערנדיקע געפארן אויף דער יידישער מדינה און יידישן פאָלק.

טראָץ דעם אומקום פון א דריטל פון אונדזער פאָלק מיט אלע מיתות משונות, באווייזן זיך היינט "היסטאָריקער", וואָס נישט נאָר זיי לייקענען דעם ציפער, נאָר דערקלערן ציניש, אז ס׳איז בכלל ניש געווען קיין שואה, וועלכע איז אן אויסטראכטעניש פון יידן, אויסצופרעסן געלט ביי די גאָט די נשמה שולדיקע דייטשן. אָטאָ דער פאקט און אנדערע דערשיינונגען אין דער וועלט, טאָרן נישט ביי אונדז שאפן די אילוזיע, אז דער יידן־האס און ראסיזם זענען שוין פארשווּנדן. דערווייל זענען מיר עדות פון נעאָ־נאצישע ארויסטרעטונגען נישט נאָר אין דייטשלאנד.

מיר טאָרן אָבער נישט פאראלגעמיינערן און זאָגן, אז די גאנצע וועלט איז קעגן אונדז. אויך אין יענער פינצטערער תקופה פון דער שואה, האָט זיך געפונען א קליינע צאָל חסידי אומות העולם וואָס האָבן אָפּגעראטעוועט יידן, אָבער דער רוב האָט אויף אן אקטיוון אופן מיטגעהאָלפן די נאציס אין זייער מאָרד־מלאכה. געווען אויך מדינות, ווי דענעמארק, האָלאנד, נאָרוועגן און שוועדן, וועלכע האָבן אויפגענומען ביי זיך יידן, וואָס זענען אנטלאָפן פון זייערע פארפאָלגערס.

היינט ווערט אויף דער גאנצער וועלט אָפּגעמערקט די היסטאָרישע דאטע פון 50 יאָר זייט דעם העלדישן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ, ווו יידישע יוגנטלעכע, מענער און פרויען, האָבן געשטעלט א העלדישן, הגם פארצווייפלטן ווידערשטאנד דער ווערמאכט, וועלכע איז געווען אויסגעשטאט מיטן מאָדערנסטן געווער. די קאמפן, מיט וועלכע ס׳האָט אָנגעפירט דער 24־יאָריקער מרדכי אנילעוויטש, זענען געווען אומגלייכע. דער אויסוואל פון די ווידערשטענדלערס איז געווען, לויט דעם אויסדרוק פון אנילעוויטשן, ווי אזוי צו שטארבן. וועלן מיר היינט בויגן די קעפּ לזכר די געטאָ־קעמפערס אין ווארשע מיט 50 יאָר צוריק, וואָס זענען געפאלן אויף קידוש השם און פארן כבוד פון יידישן פאָלק.

די געטאָס, וועלכע די דייטשן האָבן געשאפן צו קאָנצענטרירן אין זיי די יידישע באפעלקערונג, האָבן געהאט דעם ציל צו דערנידעריקן, זיי פּייניקן און אויסהונגערן, צונעמען ביי זיי דעם מענטשלעכן כבוד און דערנאָך זיי טראנספּאָרטירן צום אומקום. אויך די פארמשפּטע אין די געטאָס, האָבן געפירט זייער פּאסיוון קאמף קעגן די היטלעריסטישע רוצחים און אונטערדריקער. מיטן דערמאָנען די קעמפערס אין די געטאָס, לאגערן און וועלדער, בויגן מיר אויך די קעפּ לזכר די קדושים און טהורים, וואָס זענען אומגעקומען נאָר דערפאר, ווייל זיי זענען געווען יידן.

לאָמיר אויך געדענקען, אז אין א צייט ווען אונדזער פאָלק איז אָפּגעגאנגען אין בלוט, האָט די אזוי גערופענע קולטורעלע וועלט, גלייכגילטיק און פּאסיוו זיך צוגעקוקט צו דעם אומגליק און געשוויגן. היינט ווייסן מיר, אז די מיט 45 יאָר צוריק אנטשטאנענע יידישע מדינה, איז א גאראנטיע, אז די דאָזיקע שרעקלעכע טראגעדיע זאָל זיך נישט איבערחזרן.

לרוב זענען דאָס נעמען פון באַרימטע יידישע ישובים, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט גייסטיקע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, קולטורעלע און רעליגיעזע צענטערס, ביזן אָנהייב פון די פערציקער יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט.

די ריזיקע שטיינער, וואָס אייניקע וועגן עטלעכע טאָן, זענען אין שיכטן באַהאָפטן איינער צום אַנדערן, כמעט אָן באַאַרבעטונג, וואָס שטאַרקט נאָך מער דאָס געפיל פון צעשטערונג.

אָבער נאָכן פאַרלאָזן דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן "טאָל", גייט דער באַזוכער אַריין אין אַ גאָר אַנדערער עמאָציע, ווען ער קומט צוריק אַרויף אויפן באַרג און כאַפּט אַ בליק אויף דער ירושלימער לאַנדשאַפט, ווי אויף דער באַנייטער ישראל. נאָך אַ לאַנגע צייט באַגלייטן דיך נאָך אַלץ די נעמען פון די חרוב געוואָרענע קהילות – נישט אַלע פינף טויזנט, אָבער די וואָס שוין יאָרן־לאַנג זענען זיי פאַרבליבן אין האַרצן און אין זכרון, צוליב זייער געאָגראַפישער נאָענטקייט און עמאָציאָנעלער השפּעה...

(זאָל דאָ דערמאַנט ווערן, אז די לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל, האָט נאָך מיט 4 יאָר צוריק בייגעטראָגן צו דעם פּראָיעקט 3 טויזנט דאָלאר).

teatrnn.pl

א לעבעדיקער ייד מיט מיידאַנעק אין האַרץ

– אַ. שעדלעצקי –

אונדזער ספרים־שאַנק ווערט מיט יעדן יאָר אַלץ רייכער מיט ביכער אויף דער טעמע "שואה", און באַזונדערס מיט אויטענטישע רעוועלאַציעס פון די וואָס האָבן די פּיין דורכגעמאַכט אויף זייער אייגן לייב, נישט געקוקט דערויף וואָס מיר זענען שוין אַריבער די ערשטע פיר יאָר־צענטליק נאָכן מלחמה־סוף.

זיי מערן זיך אָט די ביכער, און יעדעס מאָל ווען עס קומט אונדז אויס צו לייענען אַזאַ בוך, דערוויסן מיר זיך נייע פּרטים, נייע פאַקטן און איבערלעבענישן וואָס טרייסלען אונדז אויף ביז די נשמה־טיפענישן. אַזוי אויך די וואָס זענען גוט באַקאַנט מיטן דאָזיקן טרויעריקן קאַפּיטל פון נאָנטן עבר. אויך זיי ווערן נאָך איבערראַשט מיטן פאַרנעם פון גרויל און באַוווּנדערן דעם ים פון יסורים וואָס דעם ייד איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אין אָט־דער פינצטערער צייט.

אויך ביים לייענען דאַס בוך "נשמה ליכט" פון שיע טשעביוּוער – כאָטש מיט א שטיקל פאַרשפּעטיקונג, שוין עטלעכע יאָר נאָכן באַווייזן זיך פונעם בוך (פאַרלאַג "ניי לעבן", תל־אביב 1979), קאָן מען נישט בלייבן גלייכגילטיק צום דערציילטן, בעל־כורח ווערט מען מיטגעריסן מיטן גאַנג פון די פּאַסירונגען, פאַרכאַפּט פונעם וואנזיניקן טעמפּאָ פון די געשעענישן און איבערלעבונגען פונעם מחבר גופא, און צוזאַמען דערמיט – פון אַלע אַנדערע שארית־הפליטה־יידן, וואָס טראָגן מיט זיך דאָס אַלץ ביזן היינטיקן טאָג אויף זייערע בידנע פּלייצעס, נישט פאַרלירנדיק דערביי זייער מענטשלעכן פּרצוף.

שיע טשעביוּוער איז אַ פּשוטער ייד. ווי אזאַ ווערט ער פאַר אונדז פאָרגעשטעלט באַלד אינעם אַריינפיר־וואָרט פון י. ח. בילעצקי – ווי אַ ייד "פון נח פּאַנדרעס משפּחה". דאָס ווערט באַשטעטיקט אין די ערשטע קאַפּיטלען, אין וועלכע דער העלד רעפּרעזענטירט זיך ווי אַ קינד פון דער יידישער אָרעמקייט אין טשעביוו, א פאַרשטאָט פון דער אלטער קהילה אין לובלין. דאָ דערוויסן מיר זיך אויך זיין אמתן נאָמען: שיע גאָלדבערג. אונטער דעם נאַמען איז ער אויך גוט באַקאַנט אין אונדזער היימישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן יידישן תל־אביב. דאָרט, אין טשעביוו, ביים ראַנד פון אלטן לובלין, האָט מען אים אָבער געקענט מיט זיין היימישן פּריוואַט־נאָמען "שיע טשעביוּוער", און נאָך אינטימער: "שיע חיהלע־ליינברוכס".

שוין אין וויגל ווערט דער קליינער שיע פאַריתומט פון זיין פאָטער. ער וואַקסט־אויף ביי זיין מוטער, אַ טאָפּלטע אלמנה מיט קינדער פון ביידע פאַרשטאָרבענע מענער, וואָס מוז אַלע יאָרן זאָרגן פאַרן אויסהאַלט פונעם גאַנצן געזינדל. דער מחבר שילדערט אויספירלעך זיינע קינדער־יאָרן, זיין יוגנט און אַזוי ביזן ווערן אַ מענטש פאַר זיך, מיט אַן אייגענער פּרנסה וואָס ווערט דערגרייכט מיט נישט ווייניק מי און מאַטער. מיר שאַפן זיך דאָ אַ בילד וועגן איינע פון די פּרנסות ביי יידן צווישן ביידע וועלט־מלחמות אין פּוילן – די פלייש־בראַנזשע, די וועלט פון קצבים און שוחטים, שחיטה און כשרות – א וויכטיקער עקאָנאָמישער צווייג אין אָנבליק פון די רעגירונגג ו־רדיפות נאָך פּילסודסקיס טויט, קעגן דער יידישער שחיטה. רדיפות, וואָס האָבן, נאַטירלעך, געהאַט נישט קיין "הומאַניטאַרע", נאָר פּשוט מאַטעריעל־עקאָנאָמישע מאָטיוון, כדי אַרויסצורייסן ביי יידן אַ מקור פון דערנערונג...

דאָס אליין איז א טעמע פאַר זיך, וואָס נייטיקט זיך אין א באַלייכטונג און לייענט זיך דערביי מיט גרויס אינטערעס. דאָס בוך איז א ביישטייער צו דער דאָקומענטאַציע פון דער תקופה. אָבער נישט דאָס איז נאַטירלעך דער עיקר פון שיע גאָלדבערגס וויכטיקן גביית־עדות־בוך. דאָס איז בלויז אַן אַריינפיר און קאַנווע פאַר די ווייטערדיקע געשעענישן נאָכן מלחמה־אויסברוך, פון די גזירות רעות און רדיפות וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן קאָפּ פון די פּוילישע יידן און פון אונדזער העלד און אַלץ וואָס האָט פּאַסירט מיט זיי אין די גרויל־יאָרן.

די מעלה און די ספּעציפיק פון דעם בוך, וואָס שיידט עס אָפּ פון א סך ענלעכע און אפילו פיל – אויספירלעכע ביכער פון דער תקופה, איז די אַלזייטיקייט און פאַרשידנפאַרביקייט פונעם דערציילטן. דאָס וואָס דאָס בוך באַרירט, באַלייכט און שילדערט אלערליי אָפּשניטן און סיטואַציעס פון דער תקופה. על־פּי רוב זענען כידוע די ביכער מיט זכרונות וועגן דער תקופה, באַגרענעצט צו אַ געוויסן אָפּשניט. פאַראַן למשל ביכער, וואָס זענען עוסק מיטן לעבן אין די געטאָס אין די קליינע אָדער אין די גרויסע שטעט און שטעטלעך, אין דער אָדער יענער געגנט; אַנדערע ביכער ספּעציאַליזירן זיך מיט די איבערלעבונגען אין וואַלד ביי די פּאַרטיזאַנער און מיטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, אַנדערע דערציילן וועגן גהינום אין די טויט־לאַגערס, אויף דער אַרישער זייט, אָדער אין באַהעלטענישן ביי גוטע פּויערים; אַ סך פון די ביכער זענען באַגרענעצט געאָגראַפיש צו אַ געוויסער געגנט און ביי ספּעציפישע באַדינגונגען וואָס זענען נישט כאַראַקטעריסטיש פאַרן רבים. דאָס בוך פון שיע טשיבעוער דאַקעגן איז אַ מין וועגווייזער און לעקסיקאָן פאַר דער צייט בכלל, וואָס איז כולל אַלץ וועגן דער שואה, אויב עס איז בכלל מעגלעך אויסצודערציילן און צו שילדערן אַלץ אין קנאַפּע דריי הונדערט זייטן פון א געוויינלעך בוך. ער לאָזט אָבער נישט אַדורך קיין שום זאַך און לערנט אונדז, ווי דער גורל זיינער האָט אים געגעבן צו פאַרזוכן אַלע מינים פּיין און יסורים, האָט גאָרנישט פון אים אויסגעמיטן. און ער דערציילט וועגן זיי אַלע געני ווי דאַס האָט פּאַסירט און געשען, אָן שום ליטעראַרישע באַפּוצונגען און אין אַ פּשוט לשון.

שיע טשעביוּוער דערציילט וועגן אריינקום פון די דייטשן אין 1939, וועגן לעבן אין געטאָ לובלין, וועגן לעבן ביי די פּאַרטיזאַנער און וועגן זיינע דערפאַרונגען אין מאידאַנעק און אין באַהעלטענישן אין דאָרף. ער ווייזט אונדז אויף דער לאָגישקייט און אומלאָגישקייט פון די געשעענישן און באַזונדערס אויף דער געוואַלדיקער וואַכזאַמקייט וואס איז פון יעדן זיך ראַטעווענדיקן יידן נויטיק געווען, כדי

←

אָנדענק־צערעמאָניע אין לובלין צו די 50 יאָר נאָך דער ליקווידאַציע פון לובלינער געטאָ

יהושע פּיאַסעק / וואַרשע

"קריסטאַלנאַכט". מיט דעם דאָזיקן קריפּטאָנים האָבן די נאַציס באַצייכנט דעם ערשטן פּאָגראָם איבער די יידן אין דייטשלאַנד. סינאַגאָגעס זענען געלאָזט געוואָרן אין פלאַמען, די שויי־פענצטער פון יידישע געשעפטן זענען אין גלאָז־ברוך פאַרוואַנדלט געוואָרן, שטורם־אָפּטיילונגען פון ס. א. האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן פון בערלין, מיט העסלעכע אַנטיסעמיטישע אויסגעשרייען. דער עפּילאָג פון דער וויסטער אַנטיסעמיטישער וואַקכאַנאַליע: 91 יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן. דאָס איז פּאַרגעקומען דעם 8טן און 9טן נאָוועמבער 1938 און האָט אַרויסגערופן גרויס אומרו ביי די יידן אין דער גאָרער וועלט, באַזונדערס ביי די יידן אין פּוילן, ווו עס זענען אָנגעקומען טויזנטער פּליטים פון דייטשלאַנד. ווער האָט זיך אין די דאָזיקע אומרואיקע צייטן אָפּגעגעבן א רעכענונג, אז דאָס איז דער אָנהויב פון דעם שוידערלעכסטן קאַפּיטל זינט יידישע געשיכטע ווערט געשריבן – די שואה.

פיר יאָר נאָך דער "קריסטאַלנאַכט", אויף דעם 9טן נאָוועמבער, איז פאַרניכטעט געוואָרן דער יידישער ישוב אין לובלין. איבער 40 טויזנט יידן האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אין גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס.

די דייטשן האָבן פאַרוואַנדלט די לובלינער וואָיעוואָדשאַפט אין א גיגאַנטישער מאָרד־פאַבריק. אויף דער דאָזיקער ערד זענען אויפגעשטעלט

אַרויס פון די כסדר באַפאַלנדיקע געפאַרן, וואָרום דאָס לעבן איז תמיד געהאָנגען אויף א האָר און יעדער נישט באַרעכנטער שריט איז געווען גורלדיק פאַרן דערהאַלטן די נשמה.

די מלחמה ברעכט אויס, ווען אונדזער העלד איז שוין אַ ייד אַ בעל פּרנסה, מיט אַ ווייב און קינד און אַן אייגן הויז. באַלד ווערט באַקאַנט, אַז די דייטשן בלייבן און די האָפענונגען וואָס מען האָט פריער געליגט, אַז קיין לובלין וועלן קומען די רוסן, ווייזט זיך אַרויס אַלס נישט ריכטיק. יידן לויפן דעריבער אַריבער אויף יענער זייט דעמאַרקאַציע־ליניע, צו די רוסן, אויף יענער זייט בוג. מען לויפט מיט דער האָפענונג אַהין אַריבערצוברענגען די נאָענטע, אָבער מיטאַמאָל ווערט פאַרשטאַרקט די באַוואַכונג פון דער נייער גרענעץ און משפחות ווערן צעריסן. אויך שיע בלייבט אָן ווייב און קינד אויף יענער זייט. אויך דאָס לעבן ווי א "ביזשעניעץ", אַ פּליט פון די דורך די דייטשן באַזעצטע שטחים, ווערט דאָ געשילדערט מיט דער גאַנצער פּיין. ער וואַלגערט זיך פון אָרט צו אָרט. ער איז אומלעגאַל אין קאָוועל און אומלעגאַל אין סאַרנע – אַזוי ביז עס ברעכט אויס די דייטש־סאָוועטישע מלחמה אין יוני 1941 און אים געלונגט מיט גרויס מסירת נפש צו דערשלאָגן זיך צו זיינע נאָענטע קיין לובלין. די וויטערדיקע מלחמה־צייט קומט אויס איבערצולעבן צוזאַמען מיט דער לובלינער קהילה יידן. עס הייבן זיך אָן די גירושים און ער פאַרלירט אויך זיין משפחה – זיין ווייב און קינד גייען אַוועק צום טויט. ער בלייבט אַליין און מיט נאָענטע חברים וואָס פאַלן כסדר אָפּ – יעדעס מאָל פאַלט אַן אַנדערער. ער באַקומט זיך אַרויס פון מאַידאַנעק, באַהאַלט זיך אויס אין דאָרף און אין לאַגערס, ווערט אַ מומחה פון ציבעלען גערטנעריי. דאָס העלפט אים אַ געוויסע צייט – און ווידער וואַנדערונגען מיט א צעשאָסענער האַנט, וואָס ער קען נישט אויסהיילן....

דאָס אַלץ ווערט דערציילט, ווי געזאָגט, אין אַ פּשוט איינפאַך לשון, אין אַ טאָן פון העכסטער באַגלויבטקייט פון אַן עד ראיה, וואָס זוכט נישט קיין שום באַפוצונגען נאָר דעם ריינעם פּשוטן אמת פון א באַגלויבטן ערלעכן מענטש און ייד.

נאָך אַ מעלה טובה פונעם בוך: דאָס מוסיף זיין צו דער מלחמה־פּיין אויך די נאָך־מלחמה טעמאַטיק פון שארית הפליטה־ייד. נאָכן דורכגיין אַלע שבעים מדורי גהינום פון דער מלחמה לעקט מען אויך נישט קיין האָניק ביי דער נייער קאָמוניסטישער מאַכט אין פּוילן. אויך דער מלאך־המוות הערט נישט אויף זיין אַרבעט. עס פאַלן כסדר יידן, וואָס האָבן באַוויזן איבערלעבן דעם דייטש – פון די הענט פון "פּאַטריאָטישע" פּאָליאַקן. אויך דער מחבר ווערט פאַרפלאָנטערט אין א משפט, פון וועלכן ער באַקומט זיך קוים אַרויס לסוף פון דעם עמק הבכא.

רירנדיק ביז גאָר איז דאָ דער געראַנגל פאַרן באַנייען דאָס לעבן, טראָץ אַלעם, און ריכטיק ווערט אָנגעוויזן אינעם שוין ציטירטן אַריינפיר.

"אָט ליגט פאַר אונדז זיין ספר: אַ דאָקומענט פון פּיין, פון אומגליק, פון אימה – אָבער אויך פון בטחון, גלויבן אין יידישן המשך".

ביים סוף פון זיין דערציילן, פרעגט דער מחבר און ער ענטפערט הלמאי ער האָט דערציילט און געשריבן. ער זאָגט צוו. אנד.:

"כדי באַפרייען זיך פון די קאָשמאַרן, פון די חלומות וועלכע לאָזן נישט צומאַכן אַן אויג, כדי באַפרייען זיך – און ווער קען זיך באַפרייען – פון די מיידאַנעק־טעג – – – אַז איך האָב דערציילט און אָנגעשריבן, האָב איך אָנגעהויבן גלויבן מער: איך בין אין מדינת ישראל. אַ לעבעדיקער ייד מיט מיידאַנעק אין האַרצן". – –

גוואָרן די אומקום-לאַגערן בעלזשעץ, סאָביבאָר, טראַווניק, פּאָניאַטאָווו און בלויז ביי 8־9 קילאָמעטער פון לובלין – מאַידאַנעק. צוזאַמען זענען דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן א מיליאָן פינף הונדערט טויזנט יידן פון פוילן און פון א ריי לענדער פון אייראָפּע. דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר פון דער מאָרד-פאַבריק איז געווען דער פירער פון עס־עס און פּאָליציי פון לובלינער דיסטריקט, גלאָבאָצניק.

ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, האָבן אין לובלין געוווינט 42.800 יידן, א דריטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. עס האָט געשוויבלט א שטורמיש און דינאַמיש יידיש-געזעלשאַפטלעך לעבן: פּאַרטייען פון פאַרשידענע פּאָליטישע שאַטירונגען, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ספּאָרט-קלובן, כאַריראַטיווע געזעלשאַפטן, 3 גימנאַזיומס – וועלטלעכע און רעליגיעזע שולן, א רבנישע הויכשול, א יידיש יתומים־הויז, א יידיש שפּיטאָל...

דאָס אַלץ איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך, צוזאַמען מיט די קולטור-ווערטן, געשאַפענע און פאַרלויף פון יאָרהונדערטער.

★ ★ ★

דעם 9טן נאָוועמבער, אין 50סטן יאָרטאָג פון אומקום פון די יידן אין לובלין, איז דאָרט פאָרגעקומען אן אָנדענק-צערעמאָניע אין וועלכע עס האָבן אָנטייל גענומען דער וואָיעוואָדע, שטאָט-פּרעזידענט און זיינע צוויי פאַרטרעטער, פּאָרזיצער פון לובלינער שטאָט־ראַט, פונדאַציע פון דער פאַמיליע ניסענבאַום, לאַודער־פונדאַציע, ועד-הקהילות אין פוילן, די סיים־דעפּוטאַטין טערעסאַ לישטש, דער גלח פון יפו יעקב-הירש גרינער (ער איז פון יידישער אָפּשטאַמונג, א געבוירענער אין זאַמאָשטש) און אדאַם גאָלדמאַן פון קאָפּענהאַגן, א לובלינער תושב. עס פעלט אין דער רשימה א פאָרשטייער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן. עס איז נישט קיין פאַרזען – פּשוט, זיי זענען נישט געקומען...

איך גיי איבער די גאַסן פון לובלין. איך זוך שפּורן פון דעם אַמאָליקן שפּרודלדיקן יידישן ישוב. איך זוך די קראַוויעצקאַ, זאַמקאָוואַ, פּאָדזאַמטשע, אַזעלכע יידישע גאַסן זענען שוין אין לובלין נישט פאַראַן. זיי זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן, צוזאַמען מיט די איינוווינער. אויף דעם מויער פון שטאָטישן שפּיטאָל איז פאַראַן אן אָנדענק-טאָוול אויף וועלכן עס איז אויפגעשריבן, אז דאָ האָט זיך געפונען דאָס יידישע שפּיטאָל, אויפגעבויט אין יאָר 1886. אין 1942 האָבן די דייטשן דערשאָסן די דאָרט ליגנדיקע קראַנקע, צוזאַמען מיט דעם פּערסאָנאַל. אין דעם פּרץ-הויז, די קוזשניע פון דער יידישער קולטור אין דער שטאָט, אויסגעבויט דורך דעם "בונד", געפינט זיך היינט דער אַגראַר-אינסטיטוט. די געביידע פון דער באַרימטער אין דער גאַנצער יידישער וועלט ישיבת חכמי לובלין פאַרנעמט היינט די מעדיצינישע אַקאַדעמיע "קאָלעגיום מאַיוס". עס איז דאָרט דאָ אן אָנדענק־צימער געווידמעט די געוועזענע ישיבה. עס הענגט דאָרט א גרויס בילד פון הרב שאַפּיראָ, וועמענס נאָמען עס האָט געטראָגן די דאָזיקע רבנישע הויכשול און עטלעכע מאָנאָגראַפישע אָנגאַבן. דער צימער איז געשלאָסן "אויף זיבן שלעסער", ער ווערט געעפנט ווען עס קומט א יידישע דעלעגאַציע.

אַזוי גייען מיר אין לובלין און זוכן שפּורן פון א יידיש לעבן, פון איבער 40 טויזנט נפשות, וועלכע האָבן טאָג־טעגלעך באַטראָטן די דאָזיקע גאַסן. מיר טרעפן זיך בלויז אָן אויף טרוקענע אויפשריפטן, אז דאָ איז געווען, דאָ איז געשטאַנען, אַלץ אין דער פאַרגאַנגענע צייט. געווען – און מער נישטאָ.

די אָנדענק-צערעמאָניע הויבט זיך אָן ביים דענקמאָל לזכר די דערמאָרדעטע יידן אין לובלין. ער געפינט זיך אין צענטער פון דער שטאָט, אויף דער שוויענטאָדוסקע־גאַס, הינטערן מאַגיסטראַט, אין דעם סקווער, וועלכער רופט זיך "פּלאַץ פון די געטאָ-קרבנות". אויפן מאָנומענט זענען אויסגעקריצט די ווערטער: "אין יעדן ביסל אַש זוך איך מיינע נאָענטע".

עס רעדט ד"ר שמחה וויס:

"מיר זענען דאָ געקומען כדי אָפּמערקן די טראַגישע פאַר אונדז אַלע דאַטע – דעם 50 יאָרטאָג זינט דער ליקווידאַציע פון לובלינער געטאָ. די היטלעריסטן האָבן אויף א בעסטיאַלישן אופן דעם 9טן נאָוועמבער 1942 דערמאָרדעט די נאָך פאַרבליבענע שוצלאָזע יידן אין מאַידאַן טאַטאַרסקי געטאָ.

אויף די אויגן פון דער גאַנצער וועלט האָט מען פאַרטיליקט איבער 40.000 יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין דער דאָזיקער שטאָט און ביי 300.000 אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט. לובלין איז געוואָרן "יודענריין". עס איז פאַרביי א האַלבער יאָרהונדערט. מיר, לובלינער יידן, ווי לאַנג מיר לעבן און ווי לאַנג אונדזער זכרון איז פול מיט די דאָזיקע ביטערע איבערלעבונגען, זענען זיי פּאַליכטעט איבערגעבן די יונגע, די קומענדיקע דורות. מיר טוען אַלץ ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן צו דעמאָנען די אַלע שוידערלעכקייטן און פאַרהיטן פון פאַרגעסן ווערן.

ווייטער דערקלערט ד"ר וויס:

זיי האָבן געלעבט און געשאַפן אויף דער דאָזיקער ערד און צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן געשריבן די 1000־יאָריקע געשיכטע פונעם דאָזיקן לאַנד און פון דער דאָזיקער שטאָט. לאָמיר וועגן דעם שטענדיק געדענקען. מיר זענען די יורשים פון זייער אויפטרייסלענדיקער צוואה, געשריבענע מיט טרערן און בלוט. יעדער פון אונדז טראָגט אין זיך די שווערע איבערלעבונגען, יעדער פון אונדז זוכט ערגעץ זיינע נאָענטע און געפינט זיי אויף די פעלדער פון מאַידאַנעק, טרעבלינקע, סאָביבאָר, אוישוויץ און אַנדערע באַקאַנטע און אויפסניי אַנטדעקטע אומקום-לאַגערן...

...היינט, אין 50־סטן יאָרטאָג זינט דער ליקווידאַציע פון לובלינער געטאָ, דערמאָנען מיר, אז דאָס דאָזיקע פאַרברעכן האָט דורכגעפירט דער דייטשער פאַשיזם. דאָס שווידערלעכע פאַרברעכן לגבי אונדזער פאָלק וועלן מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין און טאָר נישט פאַרגעסן ווערן! אין נאָמען פון דער קליינער אין צאָל נאָך לעבעדיקע יידן אין לובלין און די צעזייטע אין דער וועלט געוועזענע תושבים פון אונדזער שטאָט, זאָל מיר דערלויבט זיין

איבערגעבן א הארציקן דאנק די שטאָט־אָרגאנען און די נישט פּיל יידישע אָרגאניזאציעס פאר דער פינאנסיעלער הילף אויף אָפּמערקן די דאָזיקע הייליקע דאטע. אויך דאנקבארקייט די, וועלכע זענען דאָ געקומען אָפּמערקן דעם 50סטן יאָרטאָג זינט די פאטיליקונג פון די לובלינער יידן.

מיט א מינוט שטילשווייגן באערן די פארזאמלטע די דערמאָרדעטע יידן. די באזונדערע דעלעגאציעס לייגן צופוסנס דעם דענקמאָל קרענץ און בינטלעך בלומען. דער פאָרשטייער פון ועד הקהלות משה קולאקער, איינגעהילט אין תלית, מאכט אן "אל מלא רחמים" און זאָגט קדיש. די צופעליק דורכגייענדיקע פּאָליאקן באציען זיך צו דער טרויעט־צערעמאָניע גלייכגילטיק און שטעלן זיך נישט אָפּ.

★ ★ ★

מיר געפינען זיך אין דעם געוו. אומקום־לאגער מאידאנעק. די פארזאמלטע שטעלן זיך אָפּ ביים גרוב, ווו די דייטשן האָבן אין איין טאָג, דעם 3טן נאָוועמבער 1943, דערשאָסן 18.400 יידן. עס שטייען נאָך די גאז־קאמערן און קרעמאטאָריעס, וועלכע די עס־עס־מאנשאפט האָט נישט באוויזן אויפצורייסן צוליב דער אָנגרייפנדיקער רויטער ארמיי. א גרויסע גרופּע עס־עס־מענער האָבן נישט באוויזן צו אנטלויפן און באקומען דורכן פּוילישן מיליטערישן געריכט זייער פארדינטע שטראָף: זיי זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן אויפן געוו. אפּעל־פּלאץ.

ביי דער אָנדענק־קאָפּולע ווערן געלייגט קרענץ. דער פּרעזעס פון דער ניסענבאום־פונדאציע זאָגט קדיש. אן אויסטערלישע דערשיינונג, עס קען זיין דער איינציקער פון דעם מין אין פוילן:

אין איינע פון די קאטוילישע קירכעס איז אנטהילט געוואָרן אן אָנדענק־טאָוול מיט א פּוילישן און העברעישן אויפשריפט אין וועלכן עס זאָגט זיך, אז אויף דעם אָרט, ווו עס שטייט דער דאָזיקער "קאָשטשאָל", האָט זיך ביזן יאָר 1942 געפינען א "בוזשניצע" (א שיל). א יינגער גלח נעמט אויף די פארזאמלטע יידן מיט גרויס פריינטלעכקייט און גיט אויפקלערונגען וועגן דעם אויפבוי פון דער דאָזיקער קירכע. יעדער ייד באקומט אן אָנדענק־זשעטאָן.

די דייטשן האָבן פארניכטעט די בית־עלמינס. מיט די מצבות האָבן זיי אויסברוקירט גאסן.

★ ★ ★

דער בית־עלמין אין לובלין איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין 1829סטן יאָר. דאָ האָבן זיך ביז דער פארניכטונג געפונען ביי 13 טויזנט מצבות. עס זענען אָפּגעפונען געוואָרן קוים עטלעכע.

מיט א יאָר צוריק האָט מאנפרעד פרענקעל און זיין פרוי שרה פון אנטווערפּן (בעלגיע), מיט קאָלאָסאלע קאָסטן דאָ אויפגעבויט א סימבאָלישע סינאגאָגע.

איצט איז אין די ראמען פון דער אָנדענק־צערעמאָניע אנטהילט געוואָרן א לאפּידאריום. מיט דער איניציאטיוו פון ד"ר שמחה ווייס און באדייטנדיקע פינאנסיעלע הילף פון דעם לובלינער וואָיעוואָדע, האָט דער פּראָיעקט געקאָנט רעאליזירט ווערן. א געוויסע סומע האָט אויך געגעבן די ניסענבאום־פונדאציע און אנדערע.

בעת דער אנטהילונג האָט א קורצע רעדע געהאלטן ד"ר ווייס. דער פּרעזעס שמעון ניסענבאום האָט געזאָגט קדיש.

★ ★ ★

אין לובלין האָט זיך געפונען פיל בית־מדרשים. געבליבן איז בלויז איין בית־מדרש אויף דער לובארטאָווסקע־גאס. אין דער שטאָט לעבן איצט ביי א דרייסיק יידן. אָפּריכטן תפילות איז שווער. פּשוט – עס פעלט א מנין. איז ער פארוואנדלט געוואָרן אין אן אָנדענק־צימער.

הילצערנע קרומע טרעפּ פירט אונדז אויפן צווייטן שטאָק. אין צווי צימערן, וועלכע דערמאָנען א פארמלחמהדיקע אָרעמע וווינונג, זענען אין גאבלאָטן און אויף די ווענט אויסגעשטעלט ארכיוואלע פאָטאָ־אויפנאמען, וועלכע דערציילן אונדז וועגן יידיש־לעבן אין לובלין צווישןביידע וועלט־מלחמה׳ס: יידישע קראָמען, האנטווערקער־ווארשטאטן און סתם יידן אויף דער גאס. מיר קוקן אויף די פאָטאָס מיט נאָסטאלגיע און טרויער.

מיט א יאָר צוריק איז א ייד פון פראנקרייך, א לובלינער תושב געקומען קיין לובלין. ער האָט מיטגעבראכט זיין אייניקל ער זאָל טאקע אין דעם דאָזיקן בית־מדרש נעמען בר־מצווה, ווייל אויך ער האָט מיט זעכציק יאָר צוריק דאָ בר־מצווה גענומען...

די אָנדענק־צערעמאָניע אין 50סטן יאָרטאָג זינט דער פארניכטונג פון יידישן ישוב אין לובלין איז פארענדיקט. מיר פאָרן צוריק קיין ווארשע – ווי נאָך א לוויה פון 40 טויזנט יידן.

★ ★ ★

פ.ס. – ד"ר ווייס האָט מיך געבעטן אויף דעם אָרט אויסדריקן א דאנק דער פונדאציע פון די פאמיליע ניסענבאום פאר צושטעלן א טראנספּאָרט־מיטל און אזוי ארום דערמעגלעכט דעם אָנטייל פון א גרופּע יידן פון ווארשע.

א שוועסטער און ברודער טרעפן זיך

(המשך פון ז' 7)

ס'איז כדאי צו דערציילן וועגן דער באציאונג פון די פּאָלאקן צו ראָזאן, אין די יאָרן פון דער דייטשישער אָקופּאציע אין לובלין. דער פּאָלאק מארטשאק, א באאמטער אויף דער פּאָסט, האָט מיט איר אָפיציעל חתונה געהאט אין יאָר 1941, ווען די אנטי־יידישע רדיפות מצד די דייטשן זענען דערגאנגען צו זייער הויכפּונקט, וואָס באווייזט די ליבע און געוואגטקייט פון דעם פּאָלאק מארטשאק. טראָץ איר יידישן אויסזען און זייענדיק באקאנט אין לובלין אלס יידישע און וווינענדיק אין דזשעשאָנטאַ, אין א סביבה פון פּוילישע באן־ארבעטער, וואָס א טייל פון זיי האָבן זיך אָנגעהערט צו דער אנטיסעמיטישער א.ק. ("אַרמיאַ קראַיאָוואַ") – האָט מען ראָזאן נישט געמסרט און נישט אויסגעליפערט צו די היטלעריסטן.

נאָך א באווייז פון די קאָמפּליצירטע לעבנס־געשיכטעס פון געוויסע לובלינער יידן.

(איבערזעצט פון פּויליש: ד.ש.)

צונויפטרעף אויפן לובלינער אוניווערסיטעט געווידמעט יידישער טעמאטיק

מאַניש איזראַלעוויטש / לובלין

דער סטודענטן־קרייז פאר פעדאגאָגיק ביים אוניווערסיטעט א"נ פון מאריא קירי־סקלאדאָווסקא אין לובלין האָט אָרגאַניזירט א צונויפטרעף געווידמעט יידישער טעמאטיק.

דער יונגער היסטאָריקער, מאגיסטער ראָבערט קאָוואלעק, האָט זיין ארויסטריט געווידמעט די געשיכטע פון באזעצן זיך פון יידן אין לובלין, דער יידישער קולטור, מנהגים און טראדיציע. זיין רעפעראט האָט ארויסגערופן גרויס פאראינטערעסירונג ביי די צוהערער. דער לעקטאָר האָט פיל אָרט געווידמעט דעם 16טן יאָרהונדערט, ווען יידן האָבן זיך באזעצט אינעם אלטשטאָטישן ראיאָן פון דער שטאָט און האָבן ארומגענומען די גאסן: לובארטאָווסקע, שעראָקע, קראָוויעצקע, צירולניטשע, ווו עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן סינאגאָגעס און בית־מדרשים.

ווייטער איז ארויסגעטראָטן א יידישער סטודענט פון קיעוו (אוקראינע), מאקסים סמירנאָוו וועלכער שטודירט פילאָזאָפיע אויפן היגן אוניווערסיטעט. ער האָט רעפערירט וועגן דער יידישער רעליגיע און יידישע מנהגים. רעדנדיק וועגן די יידישע יום־טובים, שטעלט ער זיך באזונדערס אָפּ אויף דער באדייטונג פון יום־טוב ראש השנה און יום־כיפור. ער קלערט אויך אויף די באדייטונג פון די יום־טובים חנוכה, פורים, פסח.

אין זיין צווייטן ארויסטריט, האָט ראָבערט קאָוואלעק רעפערירט וועגן דער לאגע פון די יידן אין צווישן־מלחמה־פעריאָד: די פּראָפּאגאנדע פון ענדעציע צו באָיקאָטירן יידישע געשעפטן, אָנפאלן אויף די סטראגאנעס אין די מארק־טעג, ווו זייערע סחורות זענען פארניכטעט געוואָרן און די אייגנטימער זענען צעשלאָגן געוואָרן. ער דערמאָנט די פּאָגראָמען אין פשיטיק, מינסק־מאזאָוויעצק. פיל יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן שוין נאָך דער מלחמה. דער קעלצער פּאָגראָם, און אנטי־יידישע ארויסטרעטונגען אין אנדערע פּוילישע שטעט. ער האָט דערביי אונטערגעשטראָכן די גלייכגילטיקייט פון דער קאטוילישער קירכע צו די אנטיסעמיטישע עקסצעסן.

בעת דעם ווייטערדיקן צוזאמענטרעף, האָט דער לעקטאָר באריכט די געשיכטע פון די יידישע בית־עלמינס אין לובלין. אין יאָר 1829 האָבן נחום מאָרגנשטערן, שמחה וויימאן, יהודה פרץ און מענדל פרידלינגער, פאר זייער אייגן געלט, אין נאָמען פון דער יידישער גמינע געקויפט א גרויסן שטח ערד פאר א בית־עלמין. צוליב די נישט היגיענישע באדינגונגען, איז די שטערבלעכקייט ביי די יידן געווען גרויס. זי האָט דערגרייכט 400־500 מענטשן א יאָר. אין אָנהייב איז דער בית־עלמין געווען ארומגעצוימט מיט א הילצערנעם פּארקאן, ערשט אין דער העלפט 19טן י.ה. איז אויפגעשטעלט געוואָרן א געמויערטער. פיל מצבות האָבן געהאט א קינסטלערישן ווערט. אין סוף 19טן י.ה. איז אויפגעבויט געוואָרן אן אוהל אויפן קבר פון צדיק יהודה־לייב אייגער. אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאציע, איז דער אוהל צעשטערט געוואָרן. ערשט אין יאָר 1959, איז ער רעסטאווירט געוואָרן דורך אהרן ניסענבוים. אָבער לאנג איז ער נישט געשטאנען. די היגע וואנדאלן האָבן אים צעשטערט.

א באזונדער טראגיש קאפיטל — זאָגט דער פרעלעגענט — איז דער גורל פון בית־עלמין אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאציע. שוין אין די ערשטע טעג, זענען דאָרט באערדיקט געוואָרן פיל קרבנות פון היטלעריסטישן טעראָר, פון קראנקייטן און עפּידעמיעס. נאָך דער ליקווידאציע אין 1942 פון לובלינער געטאָ, איז דער בית־עלמין צעשטערט געוואָרן. די מצבות זענען צעבראָכן געוואָרן און א טייל פון זיי זענען באנוצט געוואָרן צום אויפבויען א קאפליצע אויפן עוואנגעלישן צמענטאר אויף ליפּאָווע־גאס.

דער פרעלעגענט האָט אויך געווידמעט פיל אָרט דעם יידישן קולטור־לעבן פאר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה: פיל טאָג־צייטונגען אין דער יידישער שפּראך, ווי דער "לובלינער טאָגבלאט". "היינט", "מאָמענט", "פאָלקסצייטונג" — זענען געקומען פון ווארשע. ביי די יידן איז געווען זייער פּאָפּולער די קלאסיקער פון דער יידישער ליטעראטור: יצחק לייבוש פרץ, מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם. ברייט פארשפרייט איז געווען דער יידישער הומאָר, וועלכן אויך די פּוילישע שכנים האָבן איבערגענומען. יידישע טעאטערס, ספּאָרט־קלובן, צאָלרייכע ביבליאָטעקן — דאָס אלץ האָבן די דייטשע פאשיסטן פארניכטעט.

1943 **1993**

TOWARZYSTWO OPIEKI NAD PAMIĄTKAMI KULTURY ŻYDOWSKIEJ W LUBLINIE



UPRZEJMIE ZAWIADAMIAMY, ŻE W DNIU 3 LISTOPADA O GODZ. 12.30 ODBĘDZIE SIĘ NA MAJDANKU SPOTKANIE POŚWIĘCONE

50 ROCZNICY ZAMORDOWANIA18.400 ŻYDÓW

W CIĄGU JEDNEGO DNIA

איך האָב ליב די "לובלינער קינדער"

אברהם קוואטערקאָ / ווארשע

לייענען א צייטונג איז א געוווינשאפט. וואָס לענגער מען לייענט זי, אלץ ענגער ווערט מען באהעפט מיט איר. מען קאָן זי שוין נישט איינטוישן אויף א צווייטע. אין צווישנמלחמהדיקן פוילן האָט די צאָלרייכע יידישע פרעסע געהאט אירע געשווירענע לייענער. ווער עס האָט געלייענט דעם ווארשעווער "מאָמענט", האָט נישט גענומען אין האנט דעם "היינט", ווער עס האָט געלייענט דעם "פריינד", האָט נישט געקויפט די "פאָלקס־צייטונג"...

איך בין היינט א געשווירענער לייענער פון דער "לובלינער שטימע" ("קול לובלין"), די יערלעכע אויסגאבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות. ערב די יומים נוראים, ברענגט זי מיר יעדעס יאָר דער לובלינער תושב, וואָס לעבט אין ווארשע און זאָרגט וועגן זיין היימשטאָט, ד"ר שמחה **בינם ווייס** און איך בין אומגעדולדיק, ווען די יאָרשריפט פארשפעטיקט. איך ציטער פשוט, צי עס איז חלילה נישט עפּעס געשען, צי זי האָט נישט אמאָל אויפגעהערט צו דערשיינען, ווי עס געשעט מיט א סך אנדערע צייטשריפטן אין דער יידישער וועלט. בעט איך אים, דעם ד"ר ווייס, אָנצושרייבן צום רעדאקטאָר דוד שטאָקפיש, אָבער ער פארזיכערט מיר, אז "קול לובלין" געפינט זיך אין זיכערע הענט...

און אָט איז דער לאנגדערוואַרטער נומער אָנגעקומען. דער נומער 28. און איך האָב זיך באמת דערפרייט, כאָטש איך בין נישט קיין לובלינער, נאָר א ווארשעווער געבוירענער – האָב איך ליב די "לובלינער קינדער" (אזוי רופן זיי זייער לאנדסמאנשאפט). איך האָב זיי ליב צוליב דער היימישקייט, אינטימקייט, חברישקייט, הילפגרייטקייט, סאָלידאריטעט, הארציקייט, וואָס הערשט אין זייער סביבה. עס איז א מחיה צו לייענען די ארטיקלען, זכרונות, נאָטיצן, באשרייבונגען, קאָרעספּאָנדענצן, מיטטיילונגען, בריוו.

דער "טשוואָק" פון דעם נומער 28 פון "קול לובלין" איז דאָס אינטערעסאנטע און העכסט־באלערנדיקע ארטיקל פונעם שעף־רעדאקטאָר דוד שטאָקפיש "לאנדסמאנשאפטן און ישראל". איך האָב דאָס ארטיקל געלייענט עטלעכע מאָל, ווייל די טעמע אינטערעסירט מיך. איך האָב אמאָל אליין געהאט געשריבן וועגן דער דאָזיקער גרויסער און שיינער באוועגונג. איך בין אן עדות געוועזן פון איר אויפקום אין ווארשע אין דער צווייטער העלפט פון די פערציקער יאָרן, ווען די לאנדסמאנשאפטן אין באפרייטן פוילן זענען געווען אן אָפּטיילונג פון צענטראל־קאָמיטעט פון די פוילישע יידן. איך בין אָנוועזנד געוועזן אויף די יזכור־פייערונגען פון די לעבנגעבליבענע יידן פון די פארשידענע פוילישע שטעט און שטעטלעך, אָנטייל גענומען אין צונויפטרעפן פון פאָרשטייער פון לאנדסמאנשאפטן פון ישראל, פראנקרייך, פאראייניקטע שטאטן און פון די לאנדסלייט־פאראיינען פון ארגענטינע מיט די יידן אין פוילן. רייך און אלזייטיק זענען געוועזן די טעטיקייט פראָגראמען פון די לאנדסמאנשאפטן. און איבער אלעמען האָט פארנומען דעם אויבנאָן: דאָס פאראייביקן דעם אָנדענק פון טראגיש־פארשניטענעם פאָלק בימי היטלער, דורך שטעלן דענקמעלער און אָנדענק־טאָוולען אויף די פארבליבענע בית־עלמינס, ברענגען אין אָרדענונג די פולקאָם־צעשטערטע בית־החיימס דורך צונויפנעמען די שטיקלעך און ברעקלעך צעהאקטע מצבות און אויפשטעלן לאפידאריומס, אָרגאניזירן יאָרצייט־צערעמאָניעס אין די שטעט און שטעטלעך, איינאָרדענען באערונג־אקטן פאר אונדזערע אומגעקומענע טאטעס און מאמעס, שוועסטער און ברידער, זאָרגן דערפאר, אז אלע יידישע קולטור־אָביעקטן וואָס זענען גאנץ פארבליבן און ווערן גענוצט דורך דער פוילישער געזעלשאפט, זאָלן באקומען די געהעריקע אויפשריפטן, אז דאָ האָבן געלעבט, געבויט און געשאפן יידן.

די לאנדסמאנשאפטן האָבן זיך פארפליכטעט צו העלפן די על־פּי־נס לעבנגעבליבענע, באזאָרגן מיט דעם נויטיקן, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען איינאָרדענען און פירן א זעלבשטענדיק לעבן.

פון גרויס וויכטיקייט פאר דער קעגנוואַרט און פאר דער געשיכטע זענען געוועזן די פנקסים. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז זייער צאָל דערגאנגען ביז עטלעכע הונדערט, דאָס זענען אויטענטישע דאָקומענטן, וואָס האָבן דערציילט וועגן א שיין־שפּרודלדיק ווירטשאפטלעך, קולטורעל און רעליגיעז לעבן, וואָס דאָס רומפולע פוילישע יידנטום האָט געבויט במשך פון לאנגע הונדערטער יאָרן, א לעבן וואָס איז אזוי אכזריותדיק פארשניטן געוואָרן...

איך דענק, אז דאָס ארטיקל פון דוד שטאָקפיש דארף אומעטום געשטעלט ווערן צום באהאנדלען, צי דארף מען נישט ענדערן די פאָרמען פון טעטיקייט פון די לאנדסמאנשאפטן אין דער היינטיקער צייט, ווען עס דראָען נייע בייזע ווינטן פאר די פעלקער, און דער ערשטער ריי דעם יידישן פאָלק, כדי מען זאָל לערנען פון דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט.

מיט אינטערעס לייענען זיך די אנדערע מאטעריאלן, ווי די זכרונות פון **נאטעק אקערמאן** ("אין גימנאזיע"); **משה מאנדעלמילך** – ("א בינטל זכרונות פון די קינדער־יאָרן"); **אפרים איינשטיין** – "א באזוך אין רעדאקציע פון א יידישער צייטונג אין ניו־יאָרק"; **מענדל וויסמאנס** באגריסונג צו זיין פריינד משה זאלצמאן; **אדאם געלדמאן** ("נחת פון לובלינער").

אין דעם זשורנאל "קול לובלין" איז אויך איבערגעדרוקט פון דער ווארשעווער צווייוואָכנשריפט "דאָס יידישע וואָרט" די רעצענזיע **פון אברהם קוואטערקא** "יידן פארשרייבט!" אין דער דאָזיקער רעצענזיע ווערן הויך אָפּגעשאצט די מאטעריאלן פון דער לובלינער אויסגאבע און ארויסגעהויבן די ראָל פון איר שעף־רעדאקטאָר.

עס דארפן אויך דערמאָנט ווערן די פיינע נאָטיצן: "פארטיילט די לייב מלאך־פרעמיע די צוויי לאורעאטן: פייוול זיגלבוים און דוד שטאָקפיש". די קאָרעספּאָנדענצן פון **משה זאלצמאן** "ביי די לובלינער יידן אין פאריז", פון **מאָטל טרייסטמאן** – "ביי די לובלינער אין מעלבורן" **מארעק אָרטמאן** – "מיין באגריסונג אויף דער יום העצמאות־פייערונג פון די לובלינער".

א גוטער אויפטו פון רעדאקטאָר איז דאָס פארעפנטלעכן די קאָרספּאָנדענצן פון **מאָניש איזראעלעוויטש** פון ווארשעווער "דאָס יידישע וואָרט" א"נ "אין היינטיקן לובלין".

ד"ר בינם ווייס שרייבט פון ווארשע קיין ישראל וועגן דעם אויפטו פון דער "געזעלשאפט צו באשיצן די אָנדענק־ערטער פון דער יידישער קולטור אין לובלין", וועלכע האָט דעם 9טן נאָוועמבער אָפּגעמערקט די דאטע פון 50 יאָר, נאָך דער ליקווידאציע פון געטאָ אין מיידאן טאטארסקי.

די הויפּט־מאָמענטן פון דער פייערונג זענען געוועזן: די אנטהילונג פונעם דענקמאָל אויפן נייעם בית־הקברות פון די אנטדעקטע מיט צוויי יאָר צוריק און עקסהומירטע 190 יידן, אומגעקומענע אין מיידאן טאטארסקי.

עס איז אויך אויפגעקלאפט געוואָרן אן אָנדענק־פלאַג אויף דער געוועזענער שיל און בית־המדרש "אויפן זאמד" (געוו. ביכאווסקע־גאס נומ. 7), ווו עס געפינט זיך היינט א קלויסטער. אלץ איז געוואָרן

←

לובלינער יידן אין ישראל האָבן געפייערט דעם 45סטן יום העצמאות

מרק אורטמן
פותח את החגיגה.

מאַרעק אַרטמאַן
עפנט די פייערונג

א דאנק דער איניציאַטיוו – און אויסהאַלט – פון לובא און משה קאָרן, איז א 200 בני־עיר פון לאנד און אויסלאַנד, דערמעגלעכט געוואָרן דעם 25.4.93 צו פאַרברענגען אין זאַל "לב דיזנגוף" ביי געדעקטע טישן, אין א יום־טובדיקער אַטמאָספער און שטימונג, ווי אויך מיט טענץ, אונטער די קלאַנגען פון מוזיק – און פייערן די דאַטע פון 45 יאָר זייט דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה.

אָרגאַניזירט די פייערונג האָט דער קאָמיטעט־מיטגליד מאַרעק אַרטמאַן, וואָס האָט אין זיין דערעפענונג־וואָרט באַגריסט די קאָרנס פאַרן דערמעגלעכן א האַרציקן צוזאַמענטרעף פון שטעטישע יידן, וואָס ווילן זיך פרייען אין אזא טאָג – און דערמאָנט, אז ביי דער געלעגנהייט, וועט מען אויך אָפּמערקן די "גאָלדענע חתונה" פון לובאן און משהן.

די באַגריסונג איז געווען אין עברית – און מיר גיבן זי איבער אין אָריגינאַל:

אורחים יקרים, בני לובלין! בשם לובה ומשה קורן, המזמינים והמארחים בחמימות ובנדיבות לערב חגיגי זה, המוסיף כבוד לאירגון יוצאי לובלין – אני פותח את נשף יום העצמאות ה־45 של מדינת ישראל.

ראשית, ברצוני לאחל לכולם חג שמח וערב נעים ולזוג המארחים להגיד תודה ויישר כוח עבור הזמנתכם, המאפשרת לנו שבת אחים גם יחד.

לפני שנה, לובה ומשה לא יכלו, לצערנו, להשתתף בחגיגת יום העצמאות ה־44, בגלל מחלתו של משה. מאד הצטערנו על העדרותם – ומאותו מקום שלחתי לו ברכת רפואה שלימה.

בהזדמנות זו, נחגוג גם את "חתונת הזהב" של לובה ומשה, שזכו בימים אלה, להולדת הנין הראשון – כן ירבו!

נרים כוסית עם איחולים לכולם – עוד הרבה שנים בריאות ואושר. לחיים!

אני מזמין את לובה ומשה להדליק את הנרות לכבוד חג העצמאות ה־45 לש מדינת ישראל.

מימין: משה קורן, מ. אורטמן, לובה קורן, חיה אורטמן
פון רעכטס: משה קורן, מ. אַרטמאַן, לובא קאָרן, חיה אַרטמאַן

אקצעפּטירט דורך די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען. די אויפשריפטן זענען אויף פּויליש און העברעיש.

ס'האָבן זיך געפונען שפּענדערס, וועלכע דעקן אַלע אויסגאַבן פון דעם טאָוול פון שוואַרצן גראַניט (40־60 סענטימעטער) און גרויסע אותיות, מיט פאָלגנדיקן טעקסט:

"אויפן שטח פון דער פלעבאַניע האָט ביזן יאָר 1942 זיך געפונען א בית הכנסת".

"על שטח בית הכומר, היה כאן עד שנת 1942 בית המדרש ד' "זאמד".

פאַרן דענקמאָל פאַר די 190 קרבנות פון די יידישע רציחות, האָבן מיר באַקומען פון דער רעגירונג 30 מיליאָן זלאָטעס, דאָס איז וויניק, נאָר מיר וועלן אפשר באַקומען נאָך".

לעבן דער נאָטיץ איז אָפּגעדרוקט די איינלאַדונג אויף דער פייערונג אויף פּויליש און ענגליש.

מען דאַרף אויך דערמאָנען עטלעכע זייטן פון טרויער, צום אָנדענק פון די וואָס זענען אוועק אין דער אייביקייט.

אין סך־הכל דאַרף מען זאָגן, אז דער נר. 28 פון "קול לובלין" איז נישט הינטערשטעליק פון די פריערדיקע נומערן. עס איז צום באַוואונדערן די וויטאַליטעט און שעפערישקייט פונעם רעדאַקטאָר דוד שטאָקפיש, א שטאַרק פאַרנומענער מענטש, א פּאַרטיי־און געזעלשאַפטלעכער טוער, א רעדאַקטאָר פון דער "ישראל־שטימע" און נאָך פון אנדערע אויסגאַבעס, געפינט ער אַזויפיל צייט אויף צו טאָן אזא שווערע און זשמודנע אַרבעט, ווי צונויפזאַמלען מאַטעריאַלן וועגן לעבן און שאַפן פון די "לובלינער קינדער" אין ישראל און אין די תפוצות. איז בלויז אונדז געבליבן אים און זיינע מיטאַרבעטער צו ווינטשן א סך כוח און נחת אין דער וויכטיקער, שעפערישער אַרבעט.

"אז גאָט האָט פּרנסה געגעבן, דאַרף מען אויך אנדערע לאָזן לעבן"

(פון דער באַגריסונג פון דוד שטאָקפיש)

חג שמח, ערב טוב און מזל־טוב דעם "יונגן פּאָרל", לובא און משה, און אייך אַלע, ליבע, חשובע געסט!

מיר איז היינט באַפאַלן א חשק צו באַגריסן דאָס פּאָרפּאָלק דווקא אין יידיש. פאַר וואָס? ווייל מיין באָבע פלעגט זאָגן, אז יידיש איז די שענסטע און בעסטע שפּראַך. האָט מען זי געפרעגט: "היתכן, באָבעשי, ס'זענען דאָך פאַראַן אויף דער וועלט מערער פון זיבעציק לשונות, טאָ וואָס עפּעס דווקא יידיש?" האָט זי געענטפערט: "ווייל יידיש פאַרשטיי איך יעדעס וואָרט". וויל איך גלויבן, אז אויך איר וועט פאַרשטיין אַלץ

וואָס בּוויל זאָגן לכבוד דעם היינטיקן יום־טוב, וואָס הייסט יום העצמאות און 50 יאָר חתונה. נאָר דאָ האָב איך א פּראָבלעם, ווייל אין יידישן פאָלקלאָר האָט כמעט יעדע קייצעכיקע חתונה־דאטע א באזונדערן נאָמען. אזוי צום ביישפּיל, ווערן די ערשטע 5 יאָר נאָכן שטיין אונטער דער חופה, אָנגערופן "די הילצערנע חתונה". נאָך 10 יאָר – "די צינערנע חתונה". נאָך 15 יאָר – "די בלייענע חתונה". 20 יאָר נאָכן "הרי את מקודשת לי" – "פּאָרצעלייענע חתונה". נאָך 25 יאָר – "די זילבערנע חתונה". נאָך 50 יאָר – "די גאָלדענע חתונה". נאָר מיר איז איינגעפאלן א געדאנק זי אָנצורופן אויך "די פילאנטראָפּישע חתונה". איר שמייכלט, ווייל יידן־אָפּלאכער טייטשן אזוי דאָס וואָרט פילאנטראָפּ: ער רעדט **פיל** און גיט א **טראָפּן**. אָבער מיר אלע ווייסן, אז לובא און משה פירן זיך פונקט פארקערט. זיי ריידן גאָר ווייניק, כמעט אינגאנצן נישט, ווייל מען פירט זיך לויט דעם פּרינציפּ פון מתן בסתר: זיי גיבן זייער א סך פאר צענדליקער אינסטיטוציעס, אָרגאניזאציעס און יחידים.

און קוים איז דאָס נאָך אלץ ווייניק, טאָ הערט אן איינפאל פון דעם פּאָרפאָלק. ווי באוווסט, איז דאָך היינט א מאָדע צו קומען אויף א שמחה און מיטברענגען א טשעק. האָבן לובא און משה באשלאָסן, אויב א טשעק – אדרבה ואדרבה, אָבער נישט פאר זיך, נאָר לטובת די נייע עולים אין לאנד. פרעג איך אייך: איז דען פאראן א מער פּאסיקער נאָמען פאר דער "גאָלדענער חתונה" זייערער, ווי אָנצורופן "די פילאנטראָפּישע חתונה", ווייל דעם גאנצן "דרשה־געשאנק", וועלכן מ'האָט נישט באקומען אין דזשאמבול מיט 50 יאָר צוריק, שענקט מען איצט אוועק פאר אזא הייליקן צוועק.

נאָך א דערמאָנונג: לובא און משה זענען אויך מקיים דעם פּסוק "עניי עירך ועניי עיר אחרת – עניי עירך קודם", וואָס מיינט, אז אנטקעגן אָרעמעלייט אין אנדערע שטעט, זענען די נויטבאדערפטיקע פון דיין שטאָט בילכער. בין איך א לעבעדיקער עדות, ווי נויטבאדערפטיקע לובלינער משפּחות אין ישראל, דערמאָנען אָפּט לובאן און משהן מיט א סך דאנקבארקייט, אנערקענונג און ברכות, ווייל אלע ווייסן, אז זייער רחמנות האָט ריינע כוונות... און אזוי יעדן ערב פסח און ערב ראש־השנה.

איצט, לובא, וויל איך דיך באגריסן און בענטשן, וואָס דו האלטסט שוין אזוי אויס פון משהן גאנצע 50 יאָר. אדורכמאכן מיט אים אזא לאנגן וועג און דערצו נאָך, קיין עין־הרע, אזוי אויסזען (מבינים זאָגן "נאָך יונג און שיין"), האָב איך א טראַכט געטאָן: ווער ווייסט, צי זיי נארן נישט אונדז מיט זייערע מעטריקעס! ווינטש איך דיר, לובא, זאָלסט נאָך אזוי א סך יאָרן "ליידן" פון משהן.

אָבער אויך פאר דיר, ידידי משה, האָב איך א גוט וואָרט. מען דערציילט, אז א ייד האָט פארבעטן זיין חבר צו דער "זילבערנער חתונה". פרעגט אים דער חבר, ווי אזוי זענען דיר אדורך די ערשטע 25 יאָר מיטן אייגענעם ווייב. ענטפערט דער ייד:

– די ערשטע 5 יאָר האָב איך געקעמפט צו זיין באלעבאָס אין שטוב. די צווייטע 5 יאָר האָב איך געקעמפט פאר גלייכבארעכטיקונג. נאָר די לעצטע 15 יאָר האָב איך אויפגעהויבן די הענט...

ווינטש איך דיר, משה, אז נאָך א סך יאָרן זאָל דיר אויסקומען אויפצוהייבן די הענט, אָבער נישט, חלילה, צו קאפּיטולירן פאר לובאַן, נאָר כדי זי ארומצונעמען געניי ווי אין די מיידלשע יאָרן. ווייל איך בין מער ווי זיכער, אז ווי נאָר משה האָט דערזען לובאן מיט 45 יאָר צוריק, האָט ער קודם כל געקוקט אויפן מיידל – און נישט אויפן קליידל. און זי ווידער, דערזעענדיק אים, האָט אוודאי געטראכט: אויב שווארצלעך, איז הארצלעך. און משה איז געווען ביי זיך זיכער, אז "אזא מויד א צימעס, וועט קיינמאָל נישט ווערן נמאס". און די היינטיקע שמחה, איז דאָך דער בעסטער עדות דערויף.

שוין א סך יאָרן, ווי מיינע לובלינער לאנדסלייט, מיין פרוי און איך זענען באפריינדעט מיט לובאן און משהן און מיר הערן נישט אויף צו באוואונדערן זייער אָפנהארציקייט, פּשוטקייט, מענטשלעכקייט און פריינדשאפט. טראָץ זייער פינאנסיעלן און געזעלשאפטלעכן מעמד, וועט איר נישט געפינען ביי דעם פּאָרל קיין טראָפּן גרויסהאלטעריי, פּאַריסנקייט און סנאָביזם. דאָס 50־יאָריקע פּאָרפאָלק איז באשאָנקען מיט אן אָפן אויער, אָפן הארץ און אָפענע האנט, וואָס טאקע אויף זיי זענען גילטיק אזעלכע פאָלקס־ווערטלעך, ווי: "זיי בעסער גוט, איידער פרום", אָדער "בעסער טאָן טובות, איידער שולדיק זיין חובות".

טאָ זייט באגריסט צום חתונה־יאָר נומער 50, וואָס איך האָב אָנגערופן "פילאנטראָפּישע חתונה", ווייל פאר די היינטיקע סאָצעניזאנטן האָב איך אין אונדזער פאָלקס־אוצר געפינען אזא טרעפלעכע באצייכענונג, ממש צוגעפּאסט פאר זיי: "אז גאָט האָט פרנסה געגעבן, דארף מען אויך אנדערע לאָזן לעבן".

איך ווינטש אייך ביידע א סך נחת, פרייד און גליק, צוזאמען מיט דער גאנצער משפּחה, מיטן פאָלק ישראל און מדינת ישראל.

"אַ כבוד און פארגעניגן צו אונדזער גאָלדענער חתונה"

(ענטפער פון משה קאָרן אויף די באגריסונגען)

חג שמח און א גוט יום־טוב אייך אלע, טייערע געסט, ליבע פריינט און משפּחה!

ס'איז א כבוד און פארגעניגן פאר מיין פרוי לובא און מיר צו באגריסן מיט א ברוכים הבאים די אלע, וואָס זענען געקומען זיך פרייען מיט אונדזער "גאָלדענער חתונה".

דער איצטיקער אָוונט איז פאר לובאן און מיר איינע פון די שטאַרקסטע, עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, צו וועלכער עס האָבן זוכה געווען צוויי ניצול געוואָרענע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס מיר האָבן אדורכגעמאכט, יעדער באזונדער, מיט דעם שווערן וועג פון צרות און נע־ונד.

איך דערמאָן זיך דעם טאָג פון 1טן אָקטאָבער 1939, ווען איך בין פון לובלין אנטלאָפן צו די רוסן, אויף יענער זייט בוג. דאָס הארץ האָט געזאָגט, אז פון די דייטשן, וואָס זענען מיט א חודש פריער באפאלן פוילן און זי באזיגט – דארף מען אנטלויפן. איך געדענק, ווי מיין גאָטזעליקע מאמע האָט א פארוויינטע מיר געזאָגט: "מיין קינד, דו גייסט אוועק אין א פרעמדער וועלט, האָסט נישט קיין פאך, קיין געלט, דערצו ביסטו נאָך אזוי שוואך". איך האָב געענטפערט דער מאמען, אז כ'האָב מורא פאר די דייטשן און א סך יידישע יוגנטלעכע פארלאָזן די שטאָט, וועל אויך איך אנטלויפן.

איך האָב אין א רוקזאק איינגעפּאקט מיין ביסל אָרעמקייט מיט א 5 קילאָ ברויט, וועלכע איך האָב איינגעקויפט פאר די לעצטע 20 זלאָטיס – און זיך געלאָזט אין דעם אומבאקאנטן וועג. נאָכן אָפּזיין אין לעמבערג 8 חדשים, וואָס ווי געטאָגט, האָט מען נישט גענעכטיקט, איז געקומען די סאָוויעטישע

גזירה, אז אלע "בעזשענצעס" פון פוילן פארשיקט מען מיט עשעלאָנען קיין סיביר, אָדער אין טיף רוסלאנד. דאָס איז געווען אין אָנהייב פון יאָר 1940. אָבער נאָכן היטלעריסטישן אָנפאל אויף פוילן, דעם 22סטן יוני 1941, האָט מען די געוועזענע פוילישע בירגער באפרייט פון די לאגערן און פארשיקונג. די מערהייט פון זיי האָט זיך געלאָזט אויף דרום, אין די ווארעמע רעפובליקן פון מיטל־אזיע. איך בין אָנגעקומען קיין טאשקענט, אָבער נישט געטאָרט וווינען אין א ראדיוס פון 130 קילאָמעטער פון א הויפטשטאָט, ווייל קיינער פון די פליטים האָט נישט געהאט די סאָוויעטישע בירגערשאפט.

אין חודש מערץ 1942, האָט מען אָן א דערלויבעניש און אָן א בילעט זיך געלאָזט מיטן באן קיין דזשאמבול, א שטאָט אין קאזאכסטאן. נאָר מיטן ארײנשטופּן אין האנט פון קאָנדוקטאָר 100 רובל, איז מיר געלונגען אָנצוקומען אין דער גרויסער קאזאכסטאנער שטאָט. די רייזע אהין האָט געדויערט 18 שעה! אויפן וואָקזאל האָט זיך פאר מיר פאָרגעשטעלט א ייד פון לובלין: "איך בין שלמה ברענמאן... אזוי ווי ביי מיר אין צימער שלאָפן זיבן לובלינער יונגעלייט, וועסטו זיין דער אכטער"...

אזא גאסטפריינטלעכע איינלאדונג האָט מען נישט געקענט אָפּזאָגן און כ'בין אוועק אין זיין דירה, וועלכע איז באשטאנען פון איין צימער. אויף דער פּאָדלאָגע איז געווען אויסגעלייגט קאָצן און שמאטעס, וואָס א טייל האָבן באוויזן נאָך מיטצוברענגען פון פוילן, דאקעגן די אנדערע האָבן זיך באגנוגנט מיטן ליגן אויף דער פייכטער, ליימענער פּאָדלאָגע. נאָר דאָס האָט ווייניק געקימערט. דער עיקר, מ'האָט געהאט א דאך איבערן קאָפּ, אפילו ווען מ'איז געשלאָפן אין אָנטועכץ. איך האָב דאָרט געפונען א ווינקל, איין העלפט פונעם מאנטל, וועלכן איך האָב נאָך געהאט פון לובלין, האָב איך זיך אונטערגעלייגט און מיט דער צווייטער העלפט זיך איבערגעדעקט – און אזוי אדורכגעשלאָפן א סך נעכט. גאנץ פרי האָט מען זיך אויפגעהויבן און יעדער איינער איז זיך אוועק זיין וועג – ווער צו דער ארבעט, ווער צום האנדל.

נאָר פאר אלעמען איז א מצווה צו דערציילן, ווי אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער "ראָמאן" מיט ליבעלען און דערפירט אונדז ביידע צו דער חופה – מיט העכער 50 יאָר צוריק.

נאָכן אָפּזיין א 6 וואָכן ביי שלמה ברענמאן, איז ער א געוויסן טאָג געקומען א היים מיט צוויי שוועסטערן, יונגע מיידלעך, לאהלע און ליבאלע, וועלכע ער האָט געטראָפן אויפן וואָקזאל, אזוי ווי מיך. אויך די צוויי זענען נאָר וואָס געהאט געקומען פון דער פארשיקונג אויף סיביר, ווי א סך טויזנטער פוילישע בירגער. קיין דזשאמבול איז דעמאָלט געקומען די גאנצע משפּחה – פיר קינדער מיט דער מאמען, פאר וועמען שלמה האָט געפינען א צימער אין שטאָט. א געוויסן טאָג זאָגט צו מיר משה וואגנער: "קום מיט מיר צו די צוויי שוועסטערן". ער איז שוין געווען פארליבט אין לאהלען. דאקעגן ליבאלע איז נאָר וואָס געהאט צוריק געקומען פון א ווייטער רייזע קיין סיביר, זי איז געפאָרן אהין פארקויפן אנצוגן, ווייל די משפחה האָט דאָך געזוכט פרנסה. נאָר פון דער רייזע אין לובא קראנק געוואָרן אויף מאלאריע. א וואָך נאָך דעם ווי כ'בין געוואָרן אן "איינגייער" אין זייער שטוב, האָט איר מוטער, אין באגלייטונג פון א קוזין פון כעלעם, משה פלוג, מיך ארויס גערופן אין דרויסן און אָן א סך רייד, גלייך דערקלערט: "מיט מיינע טעכטער שלעפּט מען זיך נישט ארום, מ'וועט זיי דערפאר באריידן און ס'וועט דערנאָך זיין שווער צו טאָן א שידוך. אָדער

געסט און די גאסטגעבערס אויף דער יום העצמאות פייערונג
אורחים ומארחים במסיבת יום העצמאות

איר האָט חתונה, אָדער איר גייט אייך געזונטערהייט".

ס'איז געווען ערב פּסח. איך האָב אויפמערקזאם אויסגעהערט לובאס מאמע, מיין צוקונפטיקע שוויגער, א שטילער, ערלעכער מענטש, צו וועמען איך האָב זיך באצויגן ווי צו מיין אייגענער מאמען, ווייל ביידע האָבן געהאט פיל ענלעכע כאראקטער־שטריכן. איך ענטפער איר, אז נאָך פּסח איז די צייט פון ספירה, מ'טאָר נישט חתונה האָבן, נאָר אזוי ווי לובא איז א יתומה, מעג זי יאָ גיין אונטער דער חופּה אין אזא צייט, צווישן פּסח און שבועות און מ'האָט אָפּגערעדט, אז אין א וואָך ארום שטעלט מען א חופּה.

איך האָב אָנגעשריבן די כתובה, א שכן האָט געגעבן חופּה וקידושין און אין דעם קליינעם צימער, ווי ס'האָט געוווינט די משפחה, ביי דער אנוועזנהייט פון א 12 מענטשן, האָט מען אדורכגעפירט א יידישע חתונה כדת משה וישראל. די שוויגער האָט אָפּגעבאקן א לעקעך, פון א קילאָ ווורשט און ברויט האָט מען געמאכט סאנדוויטשן, אויך א האלבער ליטער בראָנפן איז געווען...

איצט הערט א געשיכטע וועגן לובאס חופּה־קלייד מיט 50 יאָר צוריק. דאָס איז געווען אירס א קלייד נאָך פון פּוילן, וואָס זי האָט עס אין דער פרי אויסגעוואשן לכבוד אזא געשעעניש – און ארויסגעהאָנגען אויסצוטרוקענען. נאָר יענעם טאָג האָט גערעגנט – און ליבאלע איז געשטאנען אונטער דער חופּה אין א נאס קלייד. דאקעגן איך בין געווען אָנגעטאָן אין אן אנצוג, אָבער נישט מיינעם. דעם בגד האָט די שוויגער געהאלטן פארשלאָסן אין א קופערט, זייט דעם אנטלויפן פון פּוילן. זי האָט נאָך אלץ געגלויבט, אז איר זון, וואָס איז געבליבן אין מערב אוקראינע, וועט א ליאדע טאָג זיך באווייזן און זי וועט אים קאָנען אנטקעגן טראָגן זיין אנצוג... נאָך דער חופּה, האָב איך דער שוויגער אָפּגעגעבן דאָס מלבוש און זי האָט עס ווידער פארשלאָסן אין קופערט.

די ערשטע חתונה־נאכט בין איך געשלאָפן אין א צווייט צימערל, אויף דער פּאָדלאָגע און נישט געקענט זיך אויסטאָן. נאָר די שיך אראָפּגענומען פון די פיס. אויך צומאָרגנס האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע. אויף דער דריטער נאכט האָב איך געזאָגט דער שוויגער, אז איך ווייס נישט צי איך האָב א פרוי און צי כ'בין שוין טאקע א געהייראטער, אפילו איצט, דריי מעת־לעת נאָך דער חופּה. איז די שוויגער אוועק צומאָרגנס אויפן באזאר און פאר אונדז איינגעקויפט אן אייזערן בעטל, וואָס דאָס איז געווען די שענסטע חתונה־מתנה, אויסער, פארשטייט זיך, איר יונגע, שיינע טאָכטער...

ס'איז דעמאָלט געווען א שווערע צייט, באַזונדערס פאַר די פּליטים. מענטשן זענען געשטאָרבן פון הונגער און קראַנקייטן. נאָר אונדזער שטוב האָט נישט געוווסט פון די אַלע צרות. נאָך 13 חדשים איז געבוירן געוואָרן אונדזער עלטסטער זון, שלמהלע, וואָס איז שוין היינט אַליין א זיידע. דערנאָך זענען געקומען אויף דער וועלט נאָך צוויי זין — בינעם, אויפן נאָמען פון מיין גאָטזעליקן פאָטער, דער צדיק בינעמל קאָצקער פון לובלין. און א דריטער זון — פרעדי.

האָט דען ווער פון אונדז, מיט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק, זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז מיין פרוי און איך וועלן פייערן אונדזער "גאָלדענע חתונה" אין תל־אביב, אין אַן אייגענער, יידישער מדינה, וועלכע דערגייט די טעג צו א בכבודיקן עלטער — 45 יאָר...

נאָכן צוריק קומען אין דער אַלטער היים, אין יאָר 1946, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די היים איז נישטאָ און אויך אירע איינוווינער — האָט מען אַלץ באַדאַרפט אָנהייבן פון בראשית. מעגן מיר היינט זיין גליקלעך און צופרידן מיט אונדזער שמחה און הארציק באַדאַנקען די אַלע וואָס באַטייליקן זיך אין איר. נאָר ווי באַוווּסט, וועט דאָס אויך זיין די שמחה פון הונדערטער און הונדערטער נייע עולים, וואָס שוין העכער 2 יאָר, ווי זיי געניסן פון בכבודיקע, זאַטע מיטאָגן אין "בני ברית" אין תל־אביב, אַן אויפטו און איניציאַטיוו פון מיין פרוי לובא. און דאָס וועט האָבן א ווייטערדיקן המשך. ווייל אויסער אייער חתונה־געשאַנק פאַר דעם צוועק, (55 טויזנט דאָלאַר) — האָט לובא באַשלאָסן צוצוגעבן נאָך 5 טויזנט דאָלאַר, כדי ווייטער דערקוויקן די הערצער פון די עולים.

תודה רבה — און לחיים!

לכבוד
בית־הספר "עלומים"
חטיבת־הביניים ברמת השרון
לידי המנהלת אילנה דן

ראשית הנני מודה לך על מכתבך ועל ההזמנה כדי למסור את הפרס לתלמידים. לדאבוני לא יכולתי להשתתף באירוע הנ"ל.

הקשר האמיץ בין יוצאי קהילת לובלין וחטיבת־הביניים עלומים נמשך.

אנו מעוניינים שתלמידי בית־ספריכם יהיו נוכחים בצורה פעילה השנה באזכרה השנתית של קהילתנו, אשר תתקיים ב־1.12.93 בשעה 18.30, ברח' ויצמן 30 ת"א, באולם "בית־המלין".

בתודה מראש —
מתתיהו הורן

ס'איז נאָך פאַרבליבן א קליינע צאָל קאָפּיעס
פונעם בוך פון

נאַטעק אַקערמאַן

לובלינער דערינערונגען

160 ז"ז זכרונות פון דער אַלטער היים

צו באַקומען ביים מחבר אויף דעם אַדרעס:

Akerman, Marknadsvanen 183 34 Täby SVERIGE

יידיש־אָוונט אין "הילטאָן" אויף דער איניציאַטיוו פון לובא און משה קאָרן

מוצאי שבת דעם 1־טן מאַי ה"י איז אין הילטאָן־האָטעל אין תל־אביב, פאָרגעקומען אַן איינדרוקספולער אָוונט געווידמעט יידיש־לשון, יידישע לידער און מוזיק, אָנגעפירט פון גאולה גל־עד פון רמת־השרון, די לייטערין פון דאָרטיקן פענסיאָנערן־קלוב, וואָס פירט פרייוויליק אַ קולטור־טעטיקייט. זי איז אויך אַ באַדייטנדיקע זינגערין.

אויף דעם אָוונט אין "הילטאָן" זענען געזונגען געוואָרן הארציקע יידישע לידער, באַקאַנטע פאָלקס — לידער און עס זענען אויסגעפירט געוואָרן אויך מאָנאָלאָגן און סקעטשן, וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס געלעכטער ביים פאַרזאַמלטן עולם, וועלכער איז באַשטאַנען פון אָנגעזעענע געסט — שרייבער, זשורנאַליסטן, קולטור־און געזעלשאַפטלעכע־טוער, ווי אויך א צאָל לובלינער לאַנדסלייט, און ליבהאָבער פון יידישן וואָרט, וועלכע זענען איינגעלאַדן געוואָרן צום דאָזיקן אָוונט.

אַזעלכע יידיש — אָוונטן קומען פאָר יעדן חודש אין רמת־השרון, אונטער דער לייטונג פון גאולה גל־עד. איינעם פון אַזעלכע אָוונטן האָבן בייגעוווינט די מיטבאַזיצער פון הילטאָן־האָטעל, ה' משה קאָרן און זיין פרוי לובא, און זיי האָבן פאַרבעטן די פרוי גאולה גל־עד און איר אַנסאַמבל אויפצוטרעטן אין "הילטאָן". די קאָרנס האָבן אויך צוגעשטעלט אַ פיינעם כיבוד פאַר די איינגעלאַדענע געסט.

דער אָוונט האָט געדויערט פון 8 ביז 12 אָוונט און עס זענען אויפגעטראָטן, ווי שוין דערמאָנט, פרוי גאולה גל־עד מיט געזאַנג און ציפּי — אַקאָרדיאָניסטין; נתי — קלאַווויר; קובי — קלאַרנעט. דנה מורל האָט געזונגען איניקע לידער ביי דער באַגלייטונג פון רחל שקליאַר. עס זענען נאָך אויפגעטראָטן — משה ראָזנבערג, יוכבד זיו און אַנדערע. א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט אַרויסגערופן דער אויפטריט פון ד"ר בר־אל פון בר־אילן אוניווערסיטעט.

די באַקאַנטע זינגערין זשעני פייערמאַן האָט אויסגעפירט איניקע לידער און איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך די פאַרזאַמלטע.

דער זשורנאַליסט דוד שטאָקפיש, פון דער לובלינער לאַנדס־מאַנשאַפט און סעקרעטאַר פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל, האָט געדאַנקט די גאַסט־געבער משה און לובא קאָרן ווי אויך די אַלע, וואָס זענען אויפגעטראָטן אויף דעם אָוונט.

עס איז געווען אַן איינדרוקספולער אָוונט און ס'איז כדאי, אַז אַזעלכע אָוונטן זאָלן פאָרקומען אָפט, אין פאַרשידענע שטעט אין לאַנד.

("לעצטע נייעס", תל־אביב)

געשאָנקען 180 קופּערנע חנוכה־לאָמפּן פאַר נייע עולים

לובה קורן הידועה כתורמת נכבדה ל"קרן תל אביב לפיתוח", חילקה 180 חנוכיות נחושת, נרות חנוכה וסידורי תפילה, לעולים חדשים.

לובה קורן, פועלת בעיקר להבטחת ארוחות חמות לעולים נזקקים ובעת שסעדו אלה את ארוחתם באולם של "בני ברית" בתל אביב היא הגישה להם את השי הנאה.

על תרומתה הייחודית הזו הודה לה ראש העיר תל אביב שלמה להט ויו"ר הקרן שכתב לה כי העניקה משמעות מיוחדת לחג החנוכה, חג האורים, לאותם עולים.

("הצפה", 24.12.92)

teatrnn.pl

נחת פון לובלינער

דאָס בוך פון סויקאַ ערליכמאַן־באַנק – דערשינען אין פוילן

אין ביאַליסטאָקער פארלאג KAW איז אין פאָריקן יאָר דערשינען אין א פוילישער איבערזעצונג דאָס בוך פון אונדזער בת־עיר סויקאַ ערליכמאַן־באַנק ״בריוו פון גהינום״ (איבערגעזעצט פון עברית ״בידי טמאים״, וואָס איז דערשינען אין ישראל אין צוויי אויפלאגעס). ״בריוו פון גהינום״ שילדערן די איבערלעבונגען פון דער מחברין אין די שוידערלעכע מלחמה־יאָרן אין לובלין און אין ווארשע.

אויף די בילדער: די הילע פונעם בוך.



די אנערקענונג פון דער קריסטלעכער קאפיטולע ״הארץ פאר הערצער״ אין לובלין – פאר סויקא באנק־ערליכמאן, דאטירט דעם 15טן אויגוסט 1992, אונטערגעשריבן פון גלח באָגוסלאוו וואָלינסקי. איז דעם אנערקענונג־בריוו שרייבט ער צוו. אנד.:

״מיט דיין לעבן גיסטו א ביישפיל, אז ס׳איז מעגלעך א פארשטענדיקונג, פריינטשאפט און טאָלעראנץ צווישן פאָלאקן און יידן. באזוכנדיק פוילן מיט יידישע יוגנטלעכע פון ישראל, טוסטו זיי איבערוויזן דעם שווערן אמת פון דער אומקום־תקופה אין איר גאנצער קאָמפּליצירטקייט, און פאר אלעמען – ווייט פון פאראורטיילן לגבי פאָלאקן. זאָל די אויסצייכענונג זיין אן עפנטלעכער באווייז פון דיין גרויס הארץ...

אויפן בילד אויבן, לינקס:

Wielkie Serce
oddane bliźnim
w służbie ekumenizmu

3/91/1992

Serce czyste stwórz we mnie, o Boże
A ducha prawego odnów we mnie!
/Psalm 51,12/

Sara Erlichman-Bank

Izrael

Kapituła Wyróżnienia „Serce dla serc" działająca przy Kościele Polskokatolickim „Serce dla serc" w Lublinie przyznaje Czcigodnej Siostrze wyróżnienie „Serce dla serc".

Swoim życiem dajesz przykład, że jest możliwe porozumienie, przyjaźń i tolerancja między Polakami i Żydami. Przyjeżdżając z młodzieżą żydowską do Polski przekazujesz im trudną prawdę okresu zagłady w całej jej złożoności, a przede wszystkim w sposób daleki od uprzedzeń wobec Polaków. Wypełniasz polecenie Chrystusa: *„Tak niechaj świeci wasza światłość prze ludźmi, aby widzieli wasze dobre uczynki i chwalili Ojca waszego, kóry jest w niebie"* (Mt 5,16).

To wyróżnienie niech będzie publicznym ukazaniem Twojego Wielkiego Serca oddanego bliźnim w służbie ekumenizmu.

W imieniu Kapituły Wyróżnienia
„Serce dla serc"
Dziekan dekanatu lubelskiego
ks. Bogusław Wolyński

Lublin,15.VIII.1992.,Uroczystość Matki Bożej Wniebowziętej

לייבל אָבליגענהארץ באקומען צוויי אנעׂרקענונג־אויסצייכענונגען פאר סאָציאלער און געזעלשאפטלעכער טעטיקייט

אונדזער קאָמיטעט־מיטגליד לייבל אָבליגענהארץ איז היי־יאָר געוואָרן אויסגעצייכנט מיט צוויי אנערקענונג־דיפּלאָמען:

1) יקיר הסתדרות – פאר זיין ביישטייער צו פאָרסירן מיט איבערגעגעבנקייט און התמדה די ווערטן פון דער הסתדרות און פון דער ארבעטער־באוועגונג.

2) תעודת הוקרה (אנערקענונג־דאָקומענט) פאר זיין וואָלונטערער טעטיקייט לטובת די אלטע לייט אין דער געזעלשאפט, ארויסגעגעבן דורך דער שטאָט־פארוואלטונג פון פתח־תקוה און פון דער ״געזעלשאפט פארן קשיש״.

מיר באגריסן הארציק אונדזער חבר לייבל און ווינטשן אים,

צוזאמען מיט צעשאַן, זיין טרייער לעבנס־באַגלייטערין (אויך א קאָמיטעט־מיטגלידערין פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל), נאָך א סך גליקלעכע, בשותפותדיקע יאָרן, מיט געזונט – און ארבעט לטובת הכלל.

ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ ישראל

מועצת פועלי פ״ת — המחלקה לתרבות

72 להסתדרות

יקיר ההסתדרות

ניתן לחבר/ה אוגליגהרץ אריה

על תרומה, לקידום ערכי היסוד של ההסתדרות
ותנועת העבודה תוך מסירות והתמדה

ניתן ביום
ד׳ בטבת תשנ״ג - 28 בדצמבר 1992

ציון צאלה
מזכיר מועצת הפועלים

ועדת התגיות

עירית פתח־תקוה — העמותה למען הקשיש פתח־תקוה

תעודת הוקרה

ל אריה אובליגנהרץ

על פעילותך ההתנדבותית
למען הקשישים
בקהילה

י׳ סיון תשנ״ג-30.5.93

גיורא לב
ראש העיר

שלמה לינצר
יו״ר העמותה למען הקשיש פ״ת

דער "לובלינער פילם־כראָניקער" מאָטל טרייסטמאַן

בלומא און מאָטל טרייסטמאַן וואָס וווינען אין מעלבורן, אויסטראַליע, באַזוכן גאַנץ אָפט מדינת ישראל און ביי יעדער באַזוך, ברענגט ער מיט זיך מיט א קאמערא־פילם, וועלכער באַגלייט זיי צו אלע לובלינער אונטערנעמונגען אין לאנד. ביי דער געלעגנהייט "כאַפט ער אראָפּ" בילדער פון געשעענישן און אונטערנעמונגען פון אונדזער לאנדסמאנשאפט. דערפאר וועט איר ביי טרייסטמאַנען געפינען קאָמפּלעטע פילמען פון עטלעכע יום העצמאות פייערונגען, וועלכע לובא און משה קאָרן האָבן איינגעאָרדנט אין תל־אביב פאר אונדזערע בני־עיר, ווי אויך פילמען פון יערלעכע אזכרות אויפן בית הקברות אין נחלת יצחק, ביים מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאנעק. זיין קאמערא האָט דאָס אלץ פילמירט מיט א סך אויפמערקזאמקייט און אחריות. מאָטל טרייסטמאַן האָט זיך ערלעך פאַרדינט דעם נאָמען "לובלינער פילם־כראָניקער".

לאָמיר נאָך צוגעבן, אז מאָטעלע – ווי מיר רופן אים מיט ליבשאפט – איז היינט פון די געציילטע טוער אין דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין מעלבורן. מיר ווינטשן אים און זיין פרוי בלומא נאָך א סך געזונטע יאָרן.

הציירת זהבה ליכטנברג

בת עירנו זהבה, חברת קיבוץ עברון, נוסף לעיסוקיה בקיבוץ, מציירת גם תמונות יפות ומעניינות. על כשרונה, ובמיוחד על תערוכתה אחרונה, אנו קוראים בעלון "דפים" של קיבוץ עברון שכתב **אייזיק ז.**

תערוכת ציורים חדשה של זהבה, מציגה במסגרת 15 תמונות, סיפור מרתק ומעניין. באמצעות צבע וקווים המתמשכים, במסלולים רבים ושונים, מבליטה זהבה בהרכב עשיר ורב־גוני,

קטעים מחיי יהודים בעיירות פולין, בין שתי מלחמות העולם.

עבר, שנלקח מספר הזכרונות של הציירת, בתאור אמנותי מעניין, המשקף בצורה חיה את רוח החיים החברתיים, צורה ותוכן הנמשכים דורות, אשר העבירו מדור לדור במסגרת החברה הדתית בפולין. מתוך יניקה מיסודות עמוקים, המשקפים תרבות חיים מיוחדת במינה. במספר תמונות, מופיע הלבוש המיוחד של המבוגרים. מצטרפים השטריימל, העמידה, הריכוז ושמחת החיים ומשרים על התערוכה אופי מיוחד. כל תמונה בודדת משקפת קטע במסגרת האירועים המיוחדים במסגרת רחבה של רוב הציבור בעיירה.

הבנות הצעירות המבליטות את ייחודן, ומעמדן בחברה בא לידי ביטוי בתערוכה, באמצעות הפסיכולוגית שלמראה הלבוש, שהיה בסיסי בחיצוניותם. שתי דמויות בולטות בתערוכה – שתי נערות. האחת מדליקה נרות שבת והשנייה, דמות הכלה לקראת החתונה, ונערה שלישית כשחלק של פניה גלויים, מצויירים בכשרון בולט. אור ושמחה זרועים ואופפים את התערוכה כשלמות. ריקודים וכלי נגינה בידי הנגנים, שילוב של צורות וצבעים מתערבבים לשלמות הרמונית מושלמת.

נאחל לזהבה המשך פורה.

...און פון לובלינער קינדער

פון רעכטס: די באָבע אסתרל כץ, ד"ר סידני, דאָס אייניקל בנימין, דער זיידע משהלע כץ, טאָכטער ניקאָל.

אַן אָריגינעלע בר־מצוה פייערונג אין ירושלים

ד"ר ניקאָל אָהאַנא, די טאָכטער פון אונדזערע בני־עיר אסתרל און משהלע כץ פון פאריז, האָט צוזאמען מיט איר מאַן ד"ר סידני, כירורג־פלאסטיקער, באשלאָסן צו פייערן די בר־מצווה פון זייער אייניקל בנימין, אויף א זייער אָריגינעלן אופן – פארוואנדלען די דאָזיקע שמחה אין א פרייד און הנאה פאר נאָך דריי משפחות עולים פון פארשידענע לענדער. צומערשט – ביים כותל המערבי, דערנאָך – ביי געדעקטע טישן אין האָטעל "לרום", אין דער הויפטשטאָט פון מדינת ישראל.

ד"ר ניקאָל אָהאַנא מיט די פיר בר־מצווה בחורים אין האָטעל "לרום" אין ירושלים.

פיר קינדער: פון א משפחה עולים פון עטיאָפיע, פון א משפחה פון רוסלאנד, פון א משפחה פון ארגענטינע, האָבן צוזאמען מיט 350 געסט און בעלי שמחה, די בר־מצווה בחורים, פארברענגט מיט מוזיק, געזאנג, טענץ און רייך געדעקטע טישן און דערמיט אויסגעדרוקט דעם קיבוץ גלויות אין דער יידישער מדינה און דעם בונד צווישן יידן אין לאנד און אין אויסלאנד.

די איניציאטאָרן פון אזא בשותפותדיקער פייערונג, ניקאָל מיט איר מאַן, האָבן מיט זייער אויפטו באוויזן, אז צו דער בר מצוה שמחה פון זון, איז אויך א מצווה צוצונעמען ווי שותפים, אויך בר־מצווה קינדער פון נייע עולים.

ווינטשן מיר אונדזערע לאנדסלייט אסתרל און משה כץ א סך נחת פון זייער אייניקל און באגריסן זיינע טאטע־מאמע פאר דעם שיינעם אויפטו אין ירושלים.

אויף די בילדער: ניקאָל (זינגט) מיט די פיר בר־מצווה יינגלעך.

פון רעכטס: די באָבע אסתרל כץ, ד"ר אָהאנא מיטן בר־מצווה בחור בנימין, משהלע כץ דער זיידע און די טאָכטער ניקאָל.

יאָלאַנד זאָבערמאַן – רעזשיסערין פון פילם "איך איוואן, דו אברהם"

יאָלאנד, די טאָכטער פון אונדזערע בני־עיר מאניא און יוסף זאָבערמאַן, באקאנטער געזעלשאפטלעכער טוער אין פאריז, האָט רעזשיסירט און אויך איניצאירט א פילם, וועלכער שילדערט די תקופה פון ערב דער שואה, אויף דער קאנווע פון איבערלעבונגען פון דעם 9־יאָריקן אברהם, וואָס שערט זיך אָפּ די פאות און אנטלויפט מיטן איוואנען, דעם ציגיינער יִנגל פון זיין היים אין יידישן שטעטל. די צוויי יינגלעך זענען די העלדן פונעם פילם "איך איוואן, דו אברהם", דער ערשטער סוזשעט־פילם פון יאָלאנדא זאָבערמאַן, וואָס איז געוויזן געוואָרן אויפן פילם־פעסטיוואל אין ירושלים און דאָרט געוואָרן אויסגעצייכנט. דער פילם איז אויך דעמאָנסטרירט געוואָרן אין פראנקרייך, אין אנדערע ערטער און אויך געוויזן געוואָרן אויפן פעסטיוואל אין קאן, וווּ ער האָט זוכה געווען צו אויסגעצייכנטע

רעצענזיעס און אָפּשאַצונגען אין "דזשערוסאַלעם פּאָסט", אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסגאַבע פון "העראַלד טריביון" און אין דער העברעישער פּרעסע.

יאָלאַנד איז געקומען צו דער פילם־מעדיאַ צופעליק, נאָכן שטודירן אויפן אוניווערסיטעט עקאָנאָמיע און געשיכטע פון קונסט. איר אָנהייב זענען געווען צוויי דאָקומענטאַרע פילמען, וואָס האָבן געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין פראַנקרייך.

אויפן בילד: יאָלאַנד זאָבערמאַן מיט איינעם פון די העלדן פון איר פילם "איך איוואַן, דו אברהם", דאָס ציגיינער יינגל, וואָס שפּילט די ראָל פון יידישן יינגל אברהם. צו דעם צוועק האָט ער זיך אויסגעלערנט ריידן יידיש, אויף וויפל ס'איז געווען נייטיק פאַרן פילם.

"דער אויפטו פון קינדער"

מיט אַזאַ "קאָפּ" איז פאַרזען אַ קורצע נאָטיץ אין דעצעמבער־נומער "ישראל־שטימע" 1992, אָנגעשריבן פון ליטעראַרישן רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, י.צ. שאַרגעל, פון וועלכער מיר נעמען אַרויס אַ פראַגמענט:

געגרינדעט אַ ליטעראַטור־פאָנד א.נ. פון רבקה און דוד שטאָקפּיש.

אונדזער רעדאַקטאָר ח' דוד שטאָקפּיש, וואָס איז יאָרן־לאַנג טעטיק אין ישראל, געזעלשאַפטלעך און שרייבעריש, איז אין אַ גוטער שעה געוואָרן אַן אַכציקער. ווי דער שטייגער, ווערט אַזאַ דאַטע געיומטובט בכבודיק, ווי דער בעל היובל האָט זיך פאַרדינט. האָבן אָבער די געטרייע קינדער זיינע, צוזאַמען מיט דער פיינער מסיבה אינעם קאַפע־הויז "אַ פראָפּאָ" אין רמת־גן אַזוי איינגעאָרדנט, אַז די געבורט־דאַטעס פון זייערע טאַטע־מאַמע האָבן אָנגענומען גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער. זיי האָבן עטאַבלירט אַ "פאָנד צו דערמוטיקן די יידישע שפּראַך און קולטור אין ישראל א"נ פון דוד און רבקה שטאָקפּיש". און ווער עס וועט צו אָט דעם פאָנד צולייגן אַ דאָלאַר, אַ פעזע, אַ פראַנק, צי אַ שקל – וועט דעם קרן פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן.

לייגן מיר צו אונדזערע ברכות, ווינטשן אים און זיין פרוי נאָך אַ סך נחתדיקע יאָרן.

י.צ. שאַרגעל

און אין דער תל־אביבער "נייע צייטונג" פון 25.6.93, ווערט דערציילט אָט־וואָס:

די מיטלשול "תיכון עירוני א'" – אַ צענטער פון יידיש־טעטיקייט

די שילער פון דער מיטלשול "תיכון עירוני א'" אין תל־אביב, וואָס האָבן פאַרענדיקט דעם לערניאָר, מאַכנדיק מאַטורע אויך אין יידיש־לימוד, האָבן באַקומען אַ שיינע מתנה – דאָס נײַ בוך פון פּראָפ' בר־אל "ספר הצימוקים" (אַ בוך פון ראָזשינקעס). די מתנות האָט עטאַבלירט דער פאָנד א"נ פון דוד און רבקה שטאָקפּיש, כדי צו דערמוטיקן דעם יידיש־לימוד אין די שולן. דער שילער ברק שיפּמאַן האָט אויך באַקומען פונעם זעלבן פאָנד אַ סטיפּענדיע.

"תיכון עירוני א'" איז די איינציקע מיטלשול אין תל־אביב, ווו שילער גרייטן זיך אינעם יידיש־לימוד צו דער מאַטורע, און ווו יידיש טעטיקייט ווערט געפירט אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיטן יידישן טעאַטער.

שושנה דומינסקי
קאָאָרדינאַטאָר פון יידיש־לימודים

★

ביי דער געלעגנהייט, האָבן די קינדער פון רבקהלע און דוד שטאָקפּיש געבעטן אויסדריקן אַן עפנטלעכן דאַנק די אַלע, וואָס האָבן מיט זייער באַשטייערונג דערמעגלעכט דער פונדאַציע אָנצוהייבן איר טעטיקייט.

רבקהלה ודוד שטוקפיש עם תעודת הקמת הקרן לעידוד יידיש בישראל ע"י ילדיהם וחבריהם.
רבקהלע און דוד שטאָקפּיש מיטן דיפּלאָם וועגן דער פונדאַציע צו דערמוטיקן יידיש אין ישראל, עטאַבלירט פון זייערע קינדער, משפחה און חברים

שמחות ביי לובלינער

בר־מצווה פון יעקב ווייצענפעלדס אייניקל אין מיאמי־ביטש, מערץ 1992
הנכד של יעקב וייצנפלד במיאמי־ביטש הגיע למצוות במארס 1992

בר־מצוה בירושלים של שני נכדים של אסתר וגדליהו פישמן מלוס־אנג'לס
בר־מצוה אין ירושלים פון אייניקל פון אסתר און גדליהו פישמאן פון לאָס־אנזשעלעס

בר־מצווה פון שרה און חיים שביט'ס אייניקל אין תל־אביב, אָקטאָבער 1993
בר־מצוה של הנכד של שרה וחיים שביט בתל־אביב, אוקטובר 1993

צוזאמענטרעף אין לובלין מיט פאָרשטייער פון דער יידישער אגענץ

אין לאָקאל פונעם "אָנדענק־צימער" (געוו. בית־מדרש אויף לובארטאָווסקע גאַס) איז פאָרגעקומען א צוזאמענטרעף מיט פאָרשטייער פון דער יידישער אגענץ אין ווארשע. אלעקס קאטץ און מיכאל סאָבעלמאן האָבן באקענט די פארזאמלטע מיט דער טעטיקייט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

די יידישע אגענץ (סוכנות) פארנעמט זיך אויך מיט טוריסטיק־רייזעס און עמיגראציע קיין ישראל. די אגענץ פירט נישט קיין שום פראָפאגאנדע־טעטיקייט. אלע פאָרמאליטעטן דערליידיקט די ישראל־אמבאסאדע אין ווארשע.

אין דער דיסקוסיע האָבן די אָנטיילנעמער באריט די פראגע פון דערלערנען און דערקענען עברית. דאָס איז וויכטיק פאר די, וועלכע קלויבן זיך צו באזוכן די מדינה אָדער צו עמיגרירן. עס איז נויטיק צו אָרגאניזירן קורסן, ווייל די פאראינטערעסירונג איז גרויס – האָבן אונטערגעשטראָכן די דיסקוטאנטן. פריינט מיעזשווא, וועלכער האָט די אויפזיכט איבער דעם אָנדענק־צימער (אויפגעשטעלט מיט דער איניציאטיוו פון ד"ר ווייס) האָט דערקלערט, אז די באזוכער אינטערעסירן זיך זייער מיט לערנען עברית.

אינעם צוזאמענטרעף האָבן אָנטייל גענומען א גרופע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט פאר פויליש־ישראל פריינטשאפט, מיטן פאָרזיצער אנדזשעי נאָוואָדוואָרסקי, וועלכער האָט איבערגעגעבן, אז ער אָרגאניזירט אָפטע שמועסן מיט שול־יוגנט אין וועלכע ער באריט ישראל־פראָבלעמען. אויך דאָ אנטשייט דאָס פראָבלעם פון דערלערנען עברית. אין דער דאָזיקער פראגע האָבן זיך אויך ארויסגעזאָגט ד"ר באקאלטשוק, אלטמאן, ד"ר מאטראשעק, דער אונטן אונטערגעשריבענער און אנדערע.

ביי דער געלעגנהייט האָבן די אָנטיילנעמער באזוכט די פאָטאָ־אויסשטעלונג וועגן אמאָליקן יידישן לעבן אין לובלין.

מאָניש איזראלעוויטש
("דאָס יידישע וואָרט", ווארשע)

באשטייערונגען פארן "קול לובלין"

אין אמעריקאנער דאָלארן

משוהלע לעווינסאָן, ניס (פראנקרייך)	1000
מאָטל גארטענקראוט, ניו־יאָרק	500
רוזשע וויעזשכאָווסקי, בריסל	100
ראובן ראָסעט, סאן־פאולא	100
שלמה מושקאט, ליל (פראנקרייך)	100
גדליהו פישמאן, לאָס־אנזשעלעס	100
לובלינער לאנדסמאנשאפט, מאָנטרעאל	100
יוסף שנור, לאָס־אנזשעלעס	75
פאָלא מארגוליס, ניו־יאָרק	50
פאמיליע האלבער, מיאמי	50
צפורה און יוסף שפייזמאן, ניו־יאָרק	50
פאמיליע ווייצענפעלד, מיאמי	50
ישראל טעמפעלדינער, בוענאָס־איירעס	40
יצחק זהבי, פראנקפורט	36
חיים גילדינער, טאָראָנטא	30
לייבל זילבערג, בוענאָס־איירעס	30
פאמיליע צווייקאפט, מאָנטרעאָל	25
יוסף בוים, טאָראָנטא	25
שמואל קאָסמאן, בוענאָס־איירעס	20
לאָזער גאָלדבוים, בוענאָס־איירעס	20
אברהם געלדמאן, סאן־פראנציסקא	18
קאָפל מיזשריצקי, בוענאָס־איירעס	10
נחמה ניסענבוים, בוענאָס־איירעס	10
חיים זאנדמאן, בוענאָס־איירעס	10
אָלגא גראדעל, בוענאָס־איירעס	10

אין דייטשישע מארק

דבורה האָלצקענער ז"ל, תל־אביב (פון א ירושה)	10000

אין קאנאדער דאָלארן

לובלינער און אומגעגנט סאָסייטי, טאָראָנטא	500
ראָזא בוים, מאָנטרעאל	100
פעסע פאָגעל, טאָראָנטא	30
א. סלאָמא, טאָראָנטא	30

אין פראנצויזישע פראנקן

פאראייניקטע קינדער פון לובלין, פאריז	2500
חנהלע קאָרין־שטערנבליץ, פאריז	2000
טעשקע קאָרמאן־פאָרשטעטער, פאריז	500
משה זאלצמאן, פאריז	100

אין שקלים (פון 50 שקל און מערער)

לובא און משה קאָרן, תל־אביב (פאר נויטבאדערפטיקע משפחות)	2200
אלתר לוסטיגער, בת־ים	300
רבקה גאָלדבערג, חולון	200
איינס סרג, תל־אביב	150
דוד מאנדלבוים, תל־אביב	150
פאמיליע אלצטער, רמת־גן	100
טובה לאנגער, רמת־גן	100
פרידה האָכבוים, פתח־תקוה	100
פאמיליע אלצטער, רמת־גן	100
עווא אייזנקייט, ניו־יאָרק	100
חיים שביט, רמת־גן	50
חנה וואקסמאן, חולון	50
יוסף פריינד, תל־אביב	50
אורה שחרור, תל־אביב	50
משפחת טענענבוים, רמת־גן	50
צפורה דסקל, מרחביה	50

צוזאמענטרעפן וועגן ווידעאָ־פילם "לובלין – ירושלים ד'פולין"

אויף דער פארבעטונג פון לובא און משה קאָרן, איז אין "הילטאָן"־האָטעל תל־אביב פאָרגעקומען א צוזאמענטרעף פון א גרופע לאנדסלייט פון ישראל און פון די תפוצות, פאר וועמען דוד שטאָקפיש האָט פאָרגעלייענט דעם סצענאר פונעם ווידעאָ־פילם וועגן לובלין, וואָס ווערט געגרייט צו פארוואנדלען אים אין קאסעטעס, וועלכע יעדער בן־עיר וועט זיך קאָנען איינשאפן. דער סצענאר איז פארבונדן מיט א 500 בילדער, צייכענונגען און דאָקומענטן, וועלכע נעמען ארום דריי תקופות: געשיכטע ★ אומקום ★ פאראייביקונג.

אין דעם אינפאָרמאטיוון צוזאמענטרעף האָבן זיך באטייליקט: פון אויסלאנד – קאָפל מיזשריצקי און שמואל קאָסמאן (בוענאָס־איירעס), שלמה מושקאט (ליל), יצחק שניידמאן (געטעבאָרג), סימא און שמואל מאנדעלסבערג, חיה און מארק אָרטמאן, משה זאלצמאן, רבקהלע און דוד שטאָקפיש, לובא און משה קאָרן.

נאָכן באקענען זיך מיטן פאָרגעלייענטן טעקסט, איז פאָרגעקומען א מיינונג־אויסטויש, מיט א גאנצער ריי צוגאָב־באמערקונגען בנוגע דעם אינהאלט און פון געוויסע מאָמענטן פון יידישן לעבן אמאָל.

א צווייטער, ענלעכער צוזאמענטרעף, איז פאָרגעקומען אין חודש אוגוסט ה.י. אין פאריז, מיטן אנטייל פון דער פרעזידענטין פון די "פאראייניקטע קינדער פון לובלין", טעשקע קאָרמאן־פאָרשטעטער; סעקרעטאר פון דער לאנדסמאנשאפט, משה זאלצמאן; די פארוואלטונג־מיטגלידערין חוה לעווינבוים און פרוי סימאָן. אויך פאר דעם קלענערן פאָרום (צוליב די זומער־וואקאנס), האָבן דוד און רבקהלע שטאָקפיש פאָרגעלייענט דעם סצענאר און נאָך א ריי באמערקונגען פון די אנוועזנדיקע, האָט מען זיך געזעגנט מיטן געפיל, אז דער פראָיעקט וועט אוודאי רעאליזירט ווערן אָנהייב 1994.

לויט דעם פלאן, וועט דער ערשטער ארויסלאָז פונעם ווידעאָ־פילם זיין אין יידיש. די לאנדסמאנשאפטן אויף די ערטער, וועלן דארפן רעאליזירן דעם פילם אין דער פראנצויזישער, ענגלישער, אָדער שפאנישער ווערסיע. לאָמיר האָפן, אז דאָס וועט טאקע געשען.

בײַ די לובלינער — פּאַרטשעווער אין פּאַריז

משה זאַלצמאַן

דער יזכור־אַקט

די אָנפירערשאַפט פון די צוויי געזעלשאַפטן איז געווען באַזאָרגט פאַרן דערפאָלג פון דער יערלעכער אזכרה, צוליב דעם געזונט־צושטאַנד פון אַ גרויסער צאָל מיטגלידער און זייערע שוועריקייטן אַרויפצוגיין אויף די צוויי שטאָק טרעפּ אין זאַל פון דער פעדעראַציע. אָבער דער גרויסער מאָראַליש־עטישער געפיל צו די קדושים, און זייער 50סטע יאָרצייט, האָט איבערגעוווגן און פיל זענען געקומען צו דעם אזכרה־אקט.

נאָכן אָנצינדן די זעקס סימבאָלישע ליכט, האָט דער שרייבער פון די שורות דערמאָנט אין זיין קורצן אַרײַנפיר, אַז פּראָפ׳ מאיר באַלאַבאַן שילדערט אין זיין בוך "די יידן־שטאָט לובלין" ווי "הויך צום הימל ציען זיך די טורעמס פון אירע אַלטע קירכעס פון לובלין, און טיף, זייער טיף, צופוסנס פון שלאָסבאַרג איז אַרײַנגעקוועטשט די אַלטע לובלינער שיל. און טיף, אין פייכטקייט און שמוץ, צווישן זומפּן און בלאָטעס, אַרום דעם שלאָסבאַרג, ליגט די לובלינער יידן שטאָט".

די דורות לאַנגע געשיכטע פון די יידן אין לובלין איז שטענדיק געווען אַדורכגעזאַפּט מיט בלוט און פּיין, בלבולים, פּאָגראָמען, עקאָנאָמישע באָיקאָטן, פאַרשידענע געזעצן וואָס האָבן באַגרענעצט דעם האַנדל און מלאכה פאַר יידן.

אָבער די יידישע פאָלקס־עקשנות האָט זיך געראַנגלט מיט די שוועריקייטן. נישטאָ אין פּוילן נאָך אַ שטאָט ווי לובלין, וואָס זאָל סימבאָליזירן אַלע אַספּעקטן פון יידישן אויפשטייג און אומקום. אין דער קרוין־שטאָט פון פּוילישן יידנטום, האָבן די נאַציס אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן זייער געשפּענסטיקע מאָרד־פּלענער און 45.000 נפשות, צווישן זיי 10.000 קינדער, האָבן זיי אויסלגעמאָרדעט במשך פון פיר יאָר. די 50סטע יאָרצייט איז אויך צום אָנדענק פון די 250.000 יידן אין לובלינער געגנט, מיט אירע 14 פּאָוויאַטאָווע שטעט, ווי: כעלם, זאַמאָשטש, בילגאָריי, הרוביעשאָוו און אַנדערע שטעט און שטעטלעך, ווי ס׳האָט געשריבן דער דיכטער אַנטאָני סלאָנימסקי. "שוין נישטאָ מער אין פּוילן די געדיכטע יידישע שטעטלעך. אין הרוביעשאָוו און קאַרטשעוו איז ליידיק־שטיל. אומזיסט וואָלסטו געזוכט אין די פענצטער דעם שיין פון שבתדיקע ליכטלעך, אומזיסט געוואָלט הערן ס׳געזאַנג פון די הילצערנע שילן. פאַרשווינדן די יידישע אָרעמקייט, ס׳איז שוין גאָר נישט געבליבן".

אויך די יידן אין בעלגיע, און פראַנקרייך, האָט די היטלער מאָרד־מאַשין דערגרייכט. 227 לובלינער יידן מיט 96 קינדער זענען פון פראַנקרייך אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע. זיי האָבן פאָרגעשטעלט 80 פּראָצענט פון די לובלינער אין פּאַריז. 12 לובלינער זענען דערשאָסן געוואָרן פאַר זייער אָנטייל אין באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. צווישן זיי – משה בלומענשטאָק, דער ברודער און שוואָגער פון רוזשקע און מרדכי לערמאַן; ד״ר יוסף בורשטיין, אליהו וואַלאַך, דער מוזיקער סאַלעק באָט. איך דערמאָן דעם ברודער־זון פון גרויסן יצחק לייבוש פּרץ – יוסף עפּשטיין, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעם ווידערשטאַנד ביז צו זיין ווערן דערשאָסן.

אין דער סאַמער פינצטערער נאַכט, האָט דער לובלינער דיכטער משה שולשטיין געשריבן: "ס׳וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער אויף אונדזער בוים דעם פאַרקוואַרטן". די נבואה איז מקוים געוואָרן מיט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. זאָלן מיר מיט אַ הייליקן ציטער און ליבשאַפט אַרומרינגלען די יידישע מדינה.

דער חזן פון דער גרויסער שיל, אַטיאַס האָט אָפּגעריכט די תפילות און מיט אַ סך עמאָציע און געפיל געמאַכט דעם אל מלא רחמים און געזאָגט "קדיש" מיטן עולם.

דער זשורנאַליסט, אונדזער בן־עיר מרדכי לערמאַן האָט אין זיין אינהאַלטרייכן רעפעראַט אַרויסגעברענגט דעם חורבן לובלין און דאָס פאַרגעדענקען איז דער אייביקער כוח פון יידישן פאָלק. אין תנ״ך ווערט דאָס וואָרט זכור דערמאָנט 172 מאָל. "געדענק וואָס דיר האָט געטאָן עמלק". מיר האָבן זוכה געווען נאָך 2000 יאָר צו דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה, דערפאַר ווייל מיר האָבן אַלע יאָרן געדענקט דעם חורבן.

דער רעדנער דערמאָנט, אַז ער האָט צוזאַמען מיט אַלטער זאָבערמאַן ז״ל געהערט צום השומר הצעיר אין לובלין. וויפל האָבן מיר דעמאָלט דיסקוטירט און אָפּגעשאַצט דעם שוואַרצבאַרד־פּראָצעס, זיין נקמה נעמען אין פּעטלורען פאַר יידן־פּאָגראָמען אין אוקראַינע. 54 יאָר נאָך דער קריסטאַל־נאַכט, דער אָנהייב פון דער היטלעריסטישער מאָרד־מאַשין, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 9טן נאָוועמבער, זאָלן די פאַשיסטישע באַנדעס ווייטער בושעווען אין דייטשלאַנד! און בײַ אונדז, אין דעמאָקראַטישן פראַנקרייך וואַקסט צום באַדויערן דער איינפלוס פון דער אַנטיסעמיטיש שאָוויניסטישער פאַרטיי פון לעפּען.

אונזער דור וואָס האָט איבערגעלעבט דעם שרעקלעכן חורבן, האָט געהאַט די זכיה צו דערלעבן די אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה. דאָס יידישע פאָלק איז מער נישט הפקר. קיין שיפן מיט יידן וועלן זיך מער נישט בעטן, מ׳זאָל זיי אַרײַנלאָזן ווען אַלע גרענעצן זענען געווען פאַרמאַכט. זינט די מדינה אַנטשטייאונג, האָבן העכער צוויי מיליאָן עולה געווען פון די לענדער פון געוועזענעם ראַטנפאַרבאַנד, וואָס שוויבלט מיט קעגנזייטיקער פעלקער־שנאה. אין דער ערשטער ריי – קעגן יידן.

די טאַלאַנטפולע מילכה שולשטיין האָט געלייענט דאָס ליד פון דיכטער משה שולשטיין ז״ל "כ׳האָב געזען אַ באַרג". דער פאָרזיצער פון דער פאָלקס־אַקציע, יוסף זאָבערמאַן האָט אינפאָרמירט וועגן דער מצבה אין יד־ושם פון די לובלינער קדושים און געזאָגט, אַז די לובלינער דאַרפן פאָרן זי באַזוכן.

מיט דער מעלדונג פון פאָרזיצער וועגן דעם קומענדיקן באַנקעם דעם 20טן דעצעמבער פון די געזעלשאַפטן פאַרטשעוו און לובלין, איז די אזכרה געשלאָסן געוואָרן.

איינדרוקספולע פּורים־מסיבה

דער פּורים־צוזאַמענטרעף ווערט אויך בײַ אונדז אויסגענוצט אויף אינפאָרמירן וועגן דער יערלעכער טעטיקייט. דער

שרייבער פון די שורות באַגריסט די מיטגלידער פון די געזעלשאַפטן, וועלכע זענען געקומען אָפּצייכענען דעם טראַדיציאָנעלן יום־טוב און גיט איבער וועגן די צוויי געלונגענע אונטערנעמונגען, וואָס מיר האָבן היי־יאָר אַדורכגעפירט: דעם יזכור־אקט צו די 50 יאָר פון אומקום פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די צווי קהילות און דעם יערלעכן באַנקעט און צוגרייטונג צום היי־יאָריקן פורים יום טוב. ער באַגריסט די אונטערנעמונג־קאָמיסיע: משה'לע ראָזענבלום, יוסף טאבער און אַנאַטאָל בינשטאָק, שיקט איבער אַ רפואה שלמה די גרויסע צאָל קראַנקע פון אונדזערע געזעלשאַפטן און לאַנדסלייט, וואָס געפינען זיך אין די עלטער־היימען.

איך דערמאָן, אַז אין אונדזערע געבוירן־שטעט האָט מען פורים געפייערט אין די אייגענע היימען. מען פלעגט דעם טאָג געבן אַ סך צדקה. אין דער איצטיקער צייט פייערן מיר דער יום טוב קאָלעקטיוו. איז אויך נאָרמאַל אַז די יערלעכע אַקציע פאַרן פאַראייניקטן פאָנד פראַקלאַמירן מיר אויף דעם היינטיקן יום־טוב. פאַר דער אַקציע פאַרן יאָר 1992 האָבן מיר געזאַמלט 12 מיליאָן 250.000 אַלטע פראַנק ביי 58 מנדבים. די באַשטייערונגען פאַרן פאַראייניקטן פאָנד גייט 40% פאַרן היגן ישוב, די גרעסטע טייל גייט פאַר דער דערציאונג פון שאַפן יידישע שולן: פון 1970 ביז היי־יאָר, זענען געשאַפן געוואָרן 24 יידישע שולן. אויב אין 1950 האָבן געלערנט אין זיי 450 שילער, איז אין 1992 זייער צאָל דערגאנגען ביז 18.400. דאָס אויפבויען די יידישע שולן במשך פון די יאָרן, האָט געקאָסט 70 מיליאָן פראַנק. כמעט 20.000 יידן קומען אָן נאָך הילף, דאָס זענען עלטערע מענטשן, קאַליקעס, וואָס מען דאַרף זיי העלפן. פון מגבית, וואָס 60% גייט פאַר ישראל, איז דער עיקר פאַר העלפן די עטיאָפּישע און רוסישע עולים. די לעצטע צוויי יאָר זענען געקומען אין לאַנד אַריין 350.000 עולים.

היינט האָבן מיר אָנגעהויבן די אַקציע פאַרן יאָר 1993. ס'האָט אַריינגעבערענגט די ערשטע סומע פון 20.000 נייע פראַנק. מיר דריקן אויס אַנערקענונג די אַקטיווע זאַמלער פון דער לובלינער געזעלשאַפט: פייגעלע זאַבערמאַן און טעשקע פאַרשטעטער־קאַרמאַן. מיר ווינטשן זיך, אַז די אַקציע פאַר 1993 זאָל מינימום דערגרייכן אַזוי ווי דאָס פאַריקע יאָר. דעם פליכט דאַרף פילן יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט.

★

דער פּערזענלעכער צוזאַמענשטעל פון דער לובלינער געזעלשאַפט ביים היינטיקן טאָג איז: 26 פאַרלעך און 58 אלמנס און אלמנות, צוזאַמען 110 פּערזאָן. דער קאָמיטעט פון דער לובלינער געזעלשאַפט האָט באַשטימט פון דער קאַסע צו שטיצן די יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטוטיציעס: 4500 פראַנק פאַר דער איינציקער יידישער טאָג־צייטונג אין אייראָפּע "אונזער וואָרט"; 4000 פראַנק פאַר דער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן; 3000 פראַנק פאַרן פאַרבאַנד; 2500 פראַנק פאַרן מעמאָריאַל פון יידישן מאַרטירער; 2500 פראַנק פאַרן "קול לובלין", וואָס דערשיינט אין תל־אביב. פאַר דער אַקציע פאַר ישראל — 10.000 פראַנק. די באַשטימונג פון אויסטיילן די באַשטייערונגען, שפּיגלט אָפּ אונדזער פאַרבינדונג מיטן גאַנצן יידישן ישוב און מיט מדינת ישראל. דערביי דריקן מיר אויס אַנערקענונג דער איבערגעגעבענער קאַסירקע פון דער געזעלשאַפט, דינה'לע ראָטשטיין וואָס היט די אינטערעסן פון דער לאַנדסמאַנשאַפט ווי אַ געטרייע מאַמע.

די איינטאַגיקע אסתר המלכה, אונדזער פּרעזיצערין טעשקע קאָרמאַן־פאַרשטעטער רעדט וועגן דער היסטאָרישער באַדייטונג פון פורים יום טוב אויף דער קאַנווע פון מגילת אסתר. מיר האָבן זיך געפּרייט מיט דעם וואָס אונדזערע אור־אור־עלטערן האָבן זיך גראַטעוועט פון המנען וואָס האָט געפּלאַנט אומצוברענגען דאָס יידישע פאָלק, אָבער די המן־פיינטשאַפט צו יידן איז אין אַלע צייטן און אַלע דורות. דער נאָמען המן איז געוואָרן אַ סימבאָל פון יידן־פיינטשאַפט. דער מאָדערנער המן, היטלער, האָט באַוויזן מיט זיינע מערדערלעכע מיטהעלפער אויסצומאָרדן אַ דריטל פון יידישן פאָלק. אין דער איצטיקער צייט זענען מיר עדות פון דעם ווווקס פון שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם. אין דעם זעלבן לאַנד פון דעם היסטאָרישן המן, וואָס רופט זיך היינט איראַן, איז געוואָרן דער צענטער פון יידן־שנאה, און גאָר באַזונדערס שטייט זיי אין האַלדז די קליינע מדינת ישראל.

דער קאָמיטעט־מיטגליד משה'לה ראָזענבלום האָט מיט אַ סך עמאָציע איבערגעגעבן, אַז ער מיט זיין פרוי ראָשעל האָבן באַשלאָסן צו פלאַנצן 100 ביימער לעבן ירושלים, דורכן קרן קימת. ער האָט שוין דאָס געלט איינגעצאָלט און רופט אַנדערע מיטגלידער זאָלן נאָכטאָן דעם ביישפּיל.

נאָכן טועם זיין די צוגעגרייטע המן־טאַשן און פּרוכטן, האָט דער זינגער איזאַק מענטליק מיטן פּיאַניסט עריק לאַנג, געגעבן אַ געזאַנג־קאָנצערט וואָס דער עולם האָט מיט גרויס באַגייסטערונג אויפגענומען, ממש נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער סצענע. מיטן געזאַנג פון דער "התקוה", האָט זיך פייערלעך געשלאָסן דער פּראָגראַם פון דעם איינדרוקספולן פורים יום־טוב ביי די פאַרטשעווער און לובלינער געזעלשאַפטן.

טייערע לאַנדסלייט!

מיט אייער אריינשיקן א בכבודיקע באשטייערונג פארן "קול לובלין", וועט איר פארזיכערן דאָס דערשיינען פון נומער 30 פון אונדזער אויסגאבע.

30 נומערן "קול לובלין" איז א יובל אויסגאבע – און מיר וועלן גערן אָפּדרוקן באריכטן פון אונדזערע לאנדסמאנשאפטן־אָרגאניזאציעס אין די לענדער, ווו ס'איז דאָ וואָס צו דערציילן. לייגט דאָס נישט אָפּ אויף שפּעטער!

מען שרייבט אונדז:

חיים גילדינער, טאָראָנטאָ

... ווען היינטיקן זומער, זענען אויפן לבנונער פראָנט אויסגעבראָכן שארפע אינצידענטן צווישן די צה"ל־כוחות און די טעראָריסטן, איז דער ראַדיאָ "יידישע שטונדע" אין טאָראָנטאָ ארויס מיט אן אפעל צו שטיצן דעם ועד למען החייל בישראל (The Association for Soldiers of Israel) וואָס האָט באוויגן אייניקע לובלינער יידן אין שטאָט צו נעמען אויף זיך די איניציאטיוו און אָנהייב חודש יולי, שיקן א ווענדונג צו אונדזערע בני־עיר. דער בריוו האָט געגעבן פּאָזיטיווע רעזולטאטן. ס'איז געזאמלט געוואָרן די סומע פון 2.033 דאָלאר. מיר דאנקען אלע אנטיילנעמערס אין דער אקציע.

קאָפּל מיזשריצקי, בוענאָס־איירעס

דערהאלטן 7 זשורנאלן פון "קול לובלין". א טייל האָב איך שוין פארשפרייט און מיר איז נאָך געבליבן צוויי נומערן צו פארטיילן און איינמאָנען געלט. אז איך וועל זיין אין ישראל, וועל איך שוין אָפּגעבן די סומע. דער זשורנאל, ווי שטענדיק, אינהאלטרייך, אינטערעסאנט און ברענגט די לובלינער א דערמאָנונג פון זייער אלטער היים. א שאָד, וואָס דאָרט איז געשריבן, אז ס'קען זיין, אז דאָס איז דער לעצטער נומער. לאָמיר האָפן, אז דאָס וועט ניט געשען.

וועגן דער פונדאציע צו דערמוטיקן יידיש אין ישראל, איז דאָס באמת א שיינער אויפטו פון די קינדער פון רבקהלע און דוד שטאָקפיש און איך בין זיכער, אז דאס וועט זיין א פאראייביקונג אויף דורות.

דעם 9טן אפּריל פאָר איך ארויס קיין ווארשע, איך וועל זיין עטלעכע טעג אין לובלין און שפּעטער – אויף די אונטערנעמונגען צום 50טן יאָרטאָג פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ. איך דענק אויך צו באזוכן טרעבלינקע, קראָקע און אוישוויץ. דאָנערשטיק, דעם 22.4, וועל איך אָנקומען קיין תל־אביב.

גוט וואָס דו האָסט מיר געשריבן וועגן דעם יום טוב וואָס לובה און משה קאָרן אָרדענען איין דעם 25.4, אין דער נאכט פון יום העצמאות. ווי שטענדיק, וועט מען זיך פרייען צוזאמען און זען מיט א סך לובלינער, ווי אויך אנטייל נעמען אין די פייערונגען פון 45טן יאָר פון מדינת ישראל. ס'איז געווען א נס, וואָס אונדזער דור האָט דאָס דערלעבט.

אין די טעג וואָס איך וועל זיין אין ישראל, וועט דער פארבאנד פון פּוילישע יידן אין ארגענטינע, פלאנצן א וואלד פון קרן קיימת, אויפן וועג פון תל־אביב־ירושלים, אין אָנדענק פון אויסגעמאָרדעטן פּוילישן יידנטום. איך לאד אייך איין באצייטנס צו דעם דאָזיקן אקט. וועגן דעם וועלן מיר שמועסן, ווען איך וועל זיין אין לאנד.

ס'איז געוואָרן א יאָר, ווי איטקע איז נישטאָ. מיר זענען געווען אויפן בית עולם, געזאָגט קדיש און אוועקגעגאנגען טרויעריקע. וואָס קען מען טאָן, אזוי איז דאָס לעבן.

★ ★ ★

טעשקע קאַרמאָן־פּאָרשטעטער, פּאריז

מיין טייערע גיטעלע,

אין דעם שיינעם ווינקעלע אין די בערג, נישט ווייט פון ניו־יאָרק, האָב איך זיך אָפּגערוט 10 טעג אין א פיינעם יידישן פּענסיאָן, אין א גוטער אטמאָספער. אָנגענומען פרישע כוחות, נאָך די אומדערטרעגלעכע היצן אין ניו־יאָרק.

כ'האָב אנטייל גענומען אין א פאמיליע־שמחה – מיין שוועגערין און איר מאן האָבן חתונה געמאכט אן אייניקל. זיי רינגלען מיך ארום מיט א סך ליבשאפט און טוען אלץ צו פארשאפן פארגעניגן.

כ'האָב באזוכט דעם האָלאָקאָסט־מוזעאום, וועמענס פייערלעכע דערעפענונג איז איצט פאָרגעקומען נאָך 13 יאָר צוגרייטונגען. מ'רופט עס "בר־מצווה", אונטער דער אָנפירונג פון אלי וויזעל. דער פרעזידענט האָט צוגעטיילט א בכבודיקן אָרט אין דער הויפּטשטאָט פון די פאראייניקטע שטאטן – וואשינגטאָן.

די שארית הפליטה – די געוועזענע יידישע קאצעטלער און פארטיזאנער, האָבן ברייט געעפנט די הערצער און די באנק־קאָנטעס פארן האָלאָקאָסט מוזעאום אין וואשינגטאָן און געשאפן א פאָנד פון 168 מיליאָן דאָלאר. איינער פון די שפּענדער – א גרויסער יידישער גביר – האָט זיך באשטייערט מיט זעקס מיליאָן דאָלאר – סימבאָליש, צום אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים, אומגעבראכטע דורך די נאצישע מערדער.

כ'האָב נאָכן באזוך פארלאָזט דעם מוזעאום אן אויפגעטרייסלטע פון זיין רייכן אינהאלט און אויסערגעוויינלעכער קאָנסטרוקציע. איינער פון די פילצאָליקע זאלן אויפן פערטן שטאָק, האָט אויף מיר געמאכט א שטארקן איינדרוק און אויפגעוועקט דערינערונגען – דער זאל מיטן **בארג פון שיך**, מיטן ליד (אין אָריגינאל אין יידיש) פון דעם **פּאָעט משה שולשטיין** – אונדזער אומפארגעסלעכער לאנדסמאן.

"מיר זענען שיך, מיר זענען די לעצטע עדות,
מיר זענען שיך פון אייניקלעך און זיידעס,
פון פּראג, פּאריז, אמסטערדאם.
און ווייל מיר זענען בלויז פון שטאָף און לעדער,
און נישט פון בלום און פלייש
האָט יעדער געמיטן דעם גהינום־פלאם".

יאָ, מיין טייערע גיטעלע, דאָס ליד איז אומשטערבלעך און טיף איינגעקריצט אין אונדזער זכרון און הארץ.

דאָס וואָס איך האָב געזען אין וואשינגטאָן, און דאָס וואָס די יידן פון אמעריקע האָבן רעאליזירט – שטייגט איבער אלע מוזעאומס וואָס כ'האָב געהאט די מעגלעכקייט צו באזוכן.

פארבלייב מיר געזונט און שטארק און ווי שטענדיק, פול מיט איינפאלן און איניציאטיוון.

צום ווידערזען אין פּאריז. הארציקע גרוסן פאר דיינע ליבע קינדער און אייניקלעך.

★ ★ ★

פּאָלא מארגוליס־דרייבלאט, ניו־יאָרק

ליבער דוד,

איך האָב דערהאלטן דיין לעצטן בריוו און איך האָב זיך א ביסל פארשפּעטיקט מיטן ענטפער. איך בין נאָר וואָס צוריק געקומען פון מיינע קינדער. איך בין דאָרט געווען די ערשטע צוויי טעג פּסח.

איך האָב געבעטן מיין זון, ער זאָל מיר פארזאָרגן א טשעק פאר 20 דאָלאר. איך

לייג עס אריין אין בריוו. איך בעט דיר, שרייב ענטפער.

איך האָף, אז מיין בריוו וועט אייך טרעפן ביים בעסטן געזונט.

איך, מיינע ליבע, צופיל ווארטן קען איך נישט. איך ווער 85 יאָר און לעב נאָך אלץ מיט האָפענונג.

* * *

יעקב ווייצענפעלד, מיאמי

ליבע פריינד!

איר זאָלט מיר אנטשולדיקן, וואָס איך שרייב אזוי ווייניק, ווייל איך האָב צו טאָן מיט די אויגן.

איך שיק א פאָטאָ פון מיין אייניקלס בר־מצווה. דאָס איז ווי מיין קינד, אזוי, אז מען דארף האָבן נחת פון אלע.

איך שיק אייך 50 דאָלאר פארן "קול לובלין", ווייל דער לובלינער אָנדענק האלט מיך אויף ביים לעבן.

זייט געזונט און לאָזט גרוסן אלע לובלינער

* * *

יוסף בוים, טאָראָנטאָ

ליבע פריינט און לאַנדסלייט!

מיר לייגן ביי א טשעק פון 25 דאָלאר פארן "קול לובלין". זעצט ווייטער פאָר אייער גוטע ארבעט. ס'איז זייער א געראָטענער "זשורנאל", מיר דערוויסן זיך פארשידענע זאכן פון די באשרייבונגען. מיר לעבן א סך מאָל איבער די צייטן אין דער אלטער היים – פריידן און אויך ליידן.

ס'איז געוואָרן א יאָר, ווי מיין ברודער איז אוועק און איצט איז אויך מיין שוועגערין לובא אוועק אין דער אייביקייט. עס ווערט צוויי חדשים, ווי זי איז שוין נישטאָ. אונדזערע רייען ווערן שיטערער.

אזוי ווי עס גייט צו א ניי יאָר, ווינטשן מיר אייך געזונט און שלום אין ישראל און אויף דער גאנצער וועלט.

* * *

יוסף שנור, לאָס־אנזשעלעס

איך דאנק דעם לובלינער קאָמיטעט פארן שיקן מיר דעם "קול לובלין" נומער 28. דער נומער איז זייער אינטערעסאנט, מ'דערוויסט זיך פון אונדזערע לובלינער איבער דער גאנצער וועלט, פון זייערע באשרייבונגען און איבערלעבונגען.

איך באגריס אברהם און רוזשקע צווייקאפט (רחל שאַבאַזאָן) צו זייער 50 יעריקע "אניווערסערי". איך ווינטש זיי צו דערלעבן א סך יאָרן צוזאמען, אין געזונט און גליק.

גלייכצייטיק באגריס איך דוד שטאָקפיש פארן באקומען דעם לייב מלאך פרייז. איך ווינטש אים נאָך א סך יאָרן צו זיין אקטיוו און צו באקומען א סך פרעמיעס.

ס'איז גוט צו הערן, אז אונדזערע לובלינער לעבן זיך אויס אין פריידן.

מיר טוט לייד, וואָס איר שרייבט, אז ס'קען זיין אז דער דאָזיקער נומער איז דער לעצטער. לויט מיינע באדינגונגען, שיק איך 75 דאָלאר פאר "קול לובלין" און זאָלן זיך אונדזערע לובלינער באמיען, אז די אויסגאבע זאָל דערשיינען.

ליידער, פון אונדזערע לובלינער אין לאָס־אנדזשעלעס, האָב איך נישט צו פיל צו שרייבן. מיר טרעפן זיך אויף שמחות. לעצטנס האָבן מיר געהאט א גאסט פון טאָראָנטאָ – יאָסקע בוים איז געקומען צו לייזער האַבער אייניקלס בר מצווה. זאָלן זיין שמחות ביי יידן און ביי אונדזערע לובלינער.

הארציקע גרוסן פאר אלע לובלינער.

* * *

גדליהו פישמאן, לאָס־אנזשעלעס

חשובער פריינד דוד און פאמיליע,

דאס שרייבט גדליה פישמאן. ערשטנס, דאנק איך פארן "קול לובלין", וועלכער איז זייער אינטערעסאנט און דערמאָנט די יונגע יאָרן אין לובלין. גלייכצייטיק גראטוליר איך דיר פארן באקומען די לייב מלאך פרעמיע. איך ווינטש דיר א סך געזונטע יאָרן און זיין טעטיק אין געזעלשאפטלעכער ארבעט.

איך האָף, אז אין אויגוסט וועל איך זיין אין ישראל. מיר פייערן די בר־מצוות פון אונדזערע צוויי אייניקלעך אין ירושלים. זאָלן זיין שמחות ביי יידן און זאָל זיין שטיל און שלום אין ישראל.

איצט דוד בעט איך דיר, ווען איך וועל קומען קיין ישראל וועל איך זיך שטעלן אין קאָנטאקט מיט דיר און דיין פרוי, צו ווערן איינגעלאדן צו אונדזער שמחה, ווי אויך זאָלסט פארבעטן אין מיין נאָמען די לובלינער, וואָס דו פארשטייסט איינצולאדן.

איך שיק א טשעק אויף 100 דאָלאר פארן "קול לובלין"

* * *

אבא סלאָמאָ, טאָראָנטאָ

טייערע פריינט,

איך שיק מיין באשיידענע, יערלעכע באשטייערונג פארן "קול לובלין" און צו אונדזער נייעם יאָר, ווינטש איך אלע לובלינער אין ישראל און אין דער צעשפּרייטקייט א געזונט און גליקלעך יאָר פון שלום. גייט נאָך אָן א סך יאָרן מיטן ארויסגעבן דעם "קול לובלין".

ליידער, ווערט אומעטיק אויפן הארצן, עס גייען אוועק אין דער אייביקייט זייער ווערטפולע, לובלינער מענטשן. ביי אונדז אין קאנאדע איז דעם זומער, אין חודש יולי, געשטאָרבן דער לעצטער פון דער באקאנטער לובלינער משפחה – חיים ניסענבוים. געזעלשאפטלעכער טוער פון פאר מלחמהדיקן לובלין, פירער פון דער בונדישער יוגנט־באוועגונג, ווי אויך אקטיוו אין דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין מאָנטרעאל און אין ארבעטער רינג. מ'וואָלט געקענט אָנשרייבן א גרויסן בוך וועגן די טעטיקייטן פון דער משפחה ניסענבוים, ספעציעל וועגן חיים'ען. כבוד זיין אָנדענק.

מיין שוועסטער פעסע פאָגעל, שיקט אויך א געלט־איבערווייזונג אויף 30 דאָלאר און זי בעט שיקן דעם "קול לובלין" אויף איר אדרעס.

* * *

מאָטל און בלומא טרייסטמאן, מעלבורן

ליבע פריינד,

דער ערשטער געדאנק ביי מיר איז – צו קומען קיין ישראל און אייך טרעפן געזונט.

און דער צווייטער ווונטש – צו פרייען זיך מיט אייך אויף שמחות. ביי אונדז איז אין בעסטן אָרדענונג און אונדזער ווונטש איז צו הערן פון אייך דאס זעלבע.

אין דעם לעצטן בריוו האב איך און בלומה געשעפט נחת פון דעם וואס דו און רבקה'לע האבן געהאט א פארגעניגן פון דער קאסעטע וואס איך האב געמאכט. איך גלויב אז דיינע קינדער און אייניקלעך וועלן אויך האבן א פארגעניגן פון באבע־זיידע.

דו שיקסט מיר בריוו פארן פריינד גאלדבאנד. ווען איך האב דערהאלטן דעם בריוו איז גאלדבאנד שוין נישט געווען ביים קלאָרן געדאנק און ס'איז שוין נישט געווען וועמען דעם בריוו איבערצוגעבן. מיט א צייט צוריק איז ער אוועק אין דער אייביקייט און זיין זון האָט צוגעזאָגט צו קויפן אן אמבולאנס פארן מגן דוד אדום אין ישראל. איך האף אז דאס וועט ווערן פארווירקלעכט.

איך גלויב, אז גאט וועט געבן געזונט וועלן מיר זיך זען פסח 1994 אין ישראל.

teatrnn.pl

לזכרם • צום אָנדענק

אין טיפן צער און טרויער זענען מיר מודיע וועגן דער פטירה פון אונדזערע בני־עיר אין לעצטן יאָר. טיפער מיטגעפיל און טרייסט די פאריתומטע משפחות. איר זאָלט מער נישט וויסן פון קיין צער.

(די רשימה איז צונויפגעשטעלט לויט א"ב)

רחל אובליגנהרץ (גיברץ) ז"ל

אחותי היקרה רחל אובליגנהרץ (גיברץ) נפטרה ב־31 במאי 1993, ממחלה ממארת. רחל נולדה בלובלין בשנת 1934 ובפרוץ מלחמת העולם השנייה, היתה ילדה בת 5. למרות שרק עד גיל 9 חייתה בלובלין, היא חשה קירבה גדולה לעיר לובלין. היא לא החמיצה כמעט אף פעם את האירועים, אשר אורגנו ע"י ועד לובלין. תמיד הגיעה לכל האזכרות השנתיות, למרות שהיא לא הכירה כמעט אף אחד מתושבי העיר, המבוגרים יותר. בזמן המלחמה היא היתה עם כל המשפחה שלנו בגיטו לובלין, עד אביב 1942. אחרי הגירוש הגדול, הועברה עם תושבי העיר היהודיים הנותרים למיידן טטרסקי. לפני חיסול הגיטו הקטן, נלקחה רחל יחד עם בני משפחתינו, אשר עדיין חלק מהם נותר בחיים, לעבודת כפייה לפירמה "קרמין". שם עבד אבינו מרדכי גיברץ ז"ל בזמן המלחמה. במקום זה הסתתרה רחל (שהיתה אז בת 8) מאחורי שידה, שעמדה על יד הקיר, מקום שהיה אסור לילדים קטנים להמציא שם.

במאי 1943, הוברחה רחל לוורשה, יחד עם כמה מבני המשפחה ושם הסתתרה עם אחת הדודות אצל שתי אחיות פולניות. בזמן המרד הפולני, הסתתרה רחל יחד עם הדודה ושתי מצילותיהן במרתפים בוורשה. אחרי גמר המרד הפולני, הן גורשו על ידי הגרמנים, לאחד הכפרים בסביבה. אחרי שתמה המלחמה, נמסרה רחל על ידי הדודה למוסד של יתומים יהודיים, כדי שתוכל ללמוד. יחד עם ילדי המוסד הוברחה רחל בעלייה ב' לגרמניה. אחרי תקופה מסויימת, הועלו הילדים ורחל בתוכם על אוניית מעפילים "אקסודוס". האנייה נתפסה ע"י האנגלים ונשלחה בחזרה לגרמניה. רק באפריל 1948, עלתה אחותי רחל ז"ל ארצה. היא היתה נערה בת 14, מכיוון שעלתה במסגרת "עליית הנוער", נשלחה לבית־הספר החקלאי בנהלל. תקופה קצרה שהתה רחל בקיבוץ. אבל אחר כך, חזרה העירה. כאן נישאה רחל ז"ל בשנת 1952 לצבי אובליגנהרץ, יבדל לחיים ארוכים.

לזוג נולדו שלושה ילדים: אירית, אבי ומירב. רחל היתה אשה נאמנה ומסורה, אם טובה ואוהבת. באופיה היתה נעימת הליכות, אהובה על כל מכריה וידידיה. כל בני המשפחה מתאבלים מרה על מותה.

אחותה המתאבלת
אירית גוטליב (גיברץ)

★ ★ ★

פייגה אשין ז"ל

אמי, פייגה אשין לבית גולדפינגר, נולדה בלובלין בשנת 1916, בבית דתי מסורתי, שהתנהלו בו הרבה ויכוחים פוליטיים. אביה דוד גולדפינגר, עשה ומכר מוצרי חלב. בגיל צעיר הצטרפה אמי ל"השומר הצעיר". עם פרוץ המלחמה השאירה את הוריה וביתה וברחה לרוסיה, שם שהתה כל תקופת המלחמה ושם גם נישאה לבעלה ראובן.

בתום המלחמה שבה לפולניה, לעיר וורוצלב ושם שהתה עם משפחתה עד עלייתה ארצה בשנת 1957. בישראל עבדה ופירנסה את משפחתה, אהבה את ישראל וטיפחה את ביתה. אהבה מאוד את המפגשים השנתיים עם חברותיה מלובלין.

בשנת 1988 נסעה עם משפחתה לפולין וביקרה גם בלובלין. הנסיעה היתה מאוד מרגשת בשבילה. אחרי צאתה לגימלאות, עסקה בעבודות התנדבות בבית חולים ובמועדון קשישים של הביטוח הלאומי.

אמי נפטרה בינואר 1993, לאחר מחלה קצרה.

הבת אילנה

ליבא בוים ז"ל
געב. 13.4.18 געשט. 17.8.92

שלמה בוים ז"ל
געב. 1.1.1918, געשט. 17.10.91
אין מאָנטרעאל

נחמה רבקה גוטליב ז"ל

בתי היקרה נחמה רבקה (נמי), נולדה ב־1949. אחרי שסיימה את לימודיה התיכוניים, למדה שנה באקדמיה למוסיקה בירושלים. לאחר מכן המשיכה את לימודיה באוניברסיטה העברית בירושלים, בחוגים ללשון עברית וסוציולוגיה. נוסף לזה, היתה בעלת תעודת הוראה של האוניברסיטה.

נמי עבדה במטה הכללי של משטרת ישראל, כעורכת עתון המשטרה. היא נשלחה לשליחות בצרפת ע"י המחלקה להנחלת הלשון של הסוכנות, בתור מורה לעברית באוניברסיטת טולוז, בדרום צרפת. לפני כשנה, חלתה נמי במחלה ממארת ולמרות כל מאמצי הרופאים, נפטרה בגיל צעיר.

בלב דואב אני כותב על מותה – ואין ניחומים בליבי.

אביה ירמיהו גוטליב

★ ★ ★

בענאָ גאָלדבאַנד ז"ל

מיטן אוועקגיין פון בענאָ גאָלדבאַנד אין דער אייביקייט (17/5/93), האָט די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מעלבורן, וועמענס לאַנג־יאָריקער פּרעזידענט ער איז געווען, געליטן א גרויסן פאַרלוסט. דער נפטר איז געווען אן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער ביי אונדז אין שטאָט. איינער פון די איבערגעגעבנסטע פריינט און געלט־זאַמלער פאַר מדינת־ישראל.

בענאָ האט דורכגעמאַכט דאָס לובלינער געטאָ און איז געשטאַנען בראש פון דער הילפס־אַקציע פאַר די געטאָ־יידן. ווען דער לובלינער געטאָ איז געוואָרן ליקווידירט דעם 9־טן נאָוועמבער 1942, איז אים געלונגען צו אַנטלויפן אין וואַלד. ער האָט זיך געוואָלט אָנשליסן צו די פּאַרטיזאַנער, נאָר מען האָט אים נישט אריינגענומען, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין געווער. דעמאָלט האָט ער מיט נאָך 3 לובלינער, זיך ארויסגעלאָזט זוכן געווער. זיי זענען באַפאַלן א דייטשן וואַך־פּאָסטן און פון דאָרט ארויסגענומען געווער. מיט דעם זענען זיי צוריק געקומען אין וואַלד און געוואָרן אריינגענומען אין דער פּאַרטיזאַנער־איינהייט, מיט וועלכער זיי זענען פאַרבליבן ביז דער באַפרייאונג.

בענאָ גאָלדבאַנד האָט פאַריתומט א זון סעם, די שנור גערטי און די אייניקלעך: סיימאַן, רייטשל און דאַניעל.

די לובלינער טרויערן אויפן פאַרלוסט פון זייער לאַנג־יאָריקן פּרעזידענט און דריקן אויס דעם טיפסטן מיטגעפיל דער משפחה.

מאָטל טרייסטמאַן

★



יאנקל געווערץ ז"ל

דעם 22סטן יוני 1993, איז אוועק אין דער אייביקייט א טייערער לובלינער ייד, וואָס האָט געוווינט אין מעלבורן, אויסטראַליע – יאַנקל געווערץ. געשטאַמט פון אַן אָרנטלעכער משפחה. זיי האָבן געוווינט אויפן "זאַמד" און זיך מפרנס געווען פון א סאָדע־וואַסער געוועלבל מיט צוקערלעך.

דער פאַרשטאָרבענער האָט פאַריתומט א פרוי, פּאָלאַ, צוויי זין: חיים און משה, ווי אויך א ברודער אין פראַנקרייך – משה און פייגע געווערץ.

ט.

★ ★ ★

די צוויי ליבעס פון שיע גאָלדבערג ז"ל

ווען איך קום היינט, צו די שלושים נאָך דער פּטירה פון מיין נאָענטן פריינט און האַרציקן בן־עיר, שיע גאָלדבערג, זיך געזעגענען מיט אים, לאָזט זיך אין צוויי ווערטער אויסדריקן מיין באַציאונג צו דעם מענטש: באַוווּנדערונג און אנערקענונג. באַוווּנדערונג דערפאַר, וואָס א ייד פון איבער די 90 יאָר, האָט נאָך ארויסגעוויזן אַזוי פיל לעבנסקראַפט, זכרון, אינטערעס און וואַכזאַמקייט צו אַלע געשעענישן אין לאַנד. און אנערקענונג – פאַר זיינע מעשים טובים, זיין ברייטע האַנט און אָפן האַרץ פאַר אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן. און גאַנץ באַזונדערס – פאַר זיינע צוויי ליבעס: צו יידיש, די שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור; און צו דער יידישער לובלין, אירע מענטשן, גאַסן און געזעלשאַפטן. אַז ס'איז געקומען צו די צוויי טעמעס, האָט דער ייד אויפגעלעבט, געוואָלט וויסן אַלע איינצלהייטן, און וואָס מען קאָן עפּעס טאָן פאַר זיי.

איך וועל בלויז דערמאָנען צוויי מאָמענטן פון זיין התלהבות פאַר יידיש און פאַר לובלין. צו די 40 יאָר מדינת ישראל, האָט דער יידישער שרייבער־פאַראיין אין ישראל באַשלאָסן ארויסצוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון דער יידיש־ליטעראַטור אין לאַנד. האָב איך זיך געוואָנדן צו די גאָלדבערגס וועגן געבן זייער ביישטייַער צו דעם פּראָיעקט, וואָס האָט באַדאַרפט קאָסטן עטלעכע צענדליק טויזנט דאָלאַר. איך האָב נישט באַדאַרפט "שווער אַרבעטן", כדי שיע גאָלדבערג זאָל צוטראָגן זיין געשאַנק פון 5 טויזנט דאָלאַר – און די אַנטאָלאָגיע איז דערשינען אין 2 בענד, 1200 זייטן און שאַפונגען פון 220 פען־מענטשן, וואָס האָבן געשריבן אין יידיש, זייט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה.

אַן ענלעכע געשיכטע האָב איך געהאַט

מיט דעם פּראָיעקס פון א ווידעאָ־פילם "לובלין – ירושלים ד'פולין". אים איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די פאַראייביקונג פון זיין באַליבטער שטאָט אויף א פילם־קאַסעטע און ער האָט גלייך דעקלאַרירט א סומע פון 5 טויזנט דאָלאַר, כדי צו רעאַליזירן דעם פּראָיעקייט. ס'איז נאָר א גרויסער שאָד, וואָס ער האָט נישט זוכה געווען צו זען די יצירה, וואָס דאַרף פאַרענדיקט ווערן אין די נאָענטסטע חדשים.

די 24 יאָר פון זיין וווינען אין ישראל, זענען דורכגעפלאָכטן מיט גרויסע, בכבודיקע אויפטוען פון די גאָלדבערגס – און מיר וועלן נאָר אויסרעכענען א טייל פון זיי: געשריבן אויף זייער נאָמען אַ ספר־תורה פאַרן בית הכנסת אין גוש עציון ● אויסגעשטאַט אַ קלוב פון ועד למען החייל אין דזשוליס ● עטאַבלירט ביים יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל אַ ליטעראַטור־פּרעמיע, פון וועלכער ס'האָבן ביז איצט געגאָסן אויך 4 לובלינער שרייבער און זשורנאַליסטן: עובדיה פעלד ז"ל, בנימין לובעלסקי, יחיאל גראַנאַטשטיין, דוד שטאָקפיש ● געהאָלפן אַרויסגעבן, באַזאַמען מיט ד"ר נ. בן־טובים, די פּאָעמע "ביים פּנקס פון לובלין" פון משה שולשטיין (אין עברית און יידיש) ● אַרויסגעגעבן די אַנטאָלאָגיע געווידמעט "דער יידישער מאַמען" ● אַ צימער אין בית ראשוני פועלי־ציון אין תל־אביב, לזכר רבקהס פאָטער יאָסל לערמאַן פון קאָריוו ● געפלאַנצט צוויי וועלדלעך אין יער הקדושים אויפן נאָמען פון ביידעס עלטערן ● עטאַבלירט פּרעמיעס פאַר יידישע קינדער, וואָס לערנען יידיש אין דער ביאַליק־שול אין חולון און אין בר־אילן אוניווערסיטעט ● געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט דעם אַלמאַנאַך "אויף די שליאַכן פון היים", אַרויסגעגעבן דורכן וועלטראַט פאַר יידיש, און ווי שוין דערמאָנט – די אַנטאָלאָגיע פון יידישן שרייבער־פאַראיין.

דעריבער וועט זיין מער ווי סימבאָליש, אז לובלינער יידן, וואָס וועלן אין טאָג פון אומקום און גבורה קומען אהער, צום מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק, זיי זאָלן אויך מאַכן עטלעכע שפאַן צום דערבייאיקן קבר פון שיע גאָלדבערג און דאָרט אוועקלייגן א בלום צי א שטיינדל אויפן זיין קבר. ווייל שיע גאָלדבערג ז"ל, האָט מיט זיין פּערזאָן סימבאָליזירט די יידישע לובלין, איר אויפשטייג און אומקום, און דעם טויטן־לאַגער מיידאַנעק, פון וואַנען ס'איז אים געלונגען צו אנטלויפן.

כבוד דיין אָנדענק, שיע טשעכיוועך.

דוד שטאָקפיש

★

דוד סֶם שלי איננו...

טנטה שלי, היום בבוקר נפטר הדוד סם שלי (יהושע גולדברג). אצלי כבר 12 בלילה, אני לא מצליחה להירדם וחושבת עליו כל הזמן. רוצה להיות על ידך, לעזור במה שאפשר בזמן הקשה הזה – ואני כל כך רחוקה וכל כך עצובה והדמעות שוב עולות ואין לי עם מי להתחלק בעצב. אז אני כותבת אליך. מוקדם יותר התקשרתי אל זיוה ודיברתי קצת איתה. כל כך רציתי לדבר עם מישהו שבאמת הכיר את הדוד. זיוה לא ידעה שהדוד נפטר. היא אמרה, שתתקשר אליך.

אני לא יודעת איך להתחיל לספר לך על כל המחשבות שעוברות לי בראש, על כמה שאתם יקרים לי וכמה שתמיד ראיתי בכם סבתא וסבא. בך תמיד מצאתי חברה, עם עצה טובה ואוזן קשבת בשעות הקשות שלי, והדוד, לו אהבתי להקשיב, לחוכמת החיים שלו. אינני מכירה הרבה אנשים חכמים כמוהו ואינני חושבת שאכיר אי־פעם...

וכל הזכרונות עולים בראשי, איך שנסעתי בפעם הראשונה בחיי ברכבת עם אבא, לקבל את פניכם בנמל חיפה בפעם הראשונה שהגעתם לארץ. הביקורים שלנו בבית ההבראה ביערות הכרמל; ספר התורה שתרמתם בגוש עציון, החגיגה הגדולה והדוד רוקד עם ספר התורה בידיו; הדוד נוהג במכונית הפיז'ו שעוד היתה לכם, כשגרתם בדירה הישנה; כשהתקשרתם אלי ביום הולדתי העשרים וחמש במונטריאול, כשהייתי כל כך לבד.

מוזר לחשוב, שלא אראה אותו יותר לעולם, אבל אני מברכת על כך שבכל השנים האלה שבגרתי ונעשיתי בת אדם בזכות עצמי, דוד סם שלי היה בעולמי. היום, למשל, אני תוהה, אם סבא מאיר שהלך לעולמו, כשהייתי בת 18, היה באמת כמו שאני זוכרת אותו, או שמה זכרונותי הם זכרונות של ילדה, שלא ידעה לשפוט ולא כל כך הכירה את העולם. ניתנה לי זכות ענקית להכיר את הדוד עד היום, לדעת, שהוא באמת היה אחד מהאנשים החכמים והטובים ביותר שהיו ויהיו בעולמי – ועל כך אני מרגישה ברת מזל.

ועכשיו הדוד איננו, והעלמותו מעולמי משאירה חור גדול, שלא יוכל אף פעם להיסגר. ההרגשה היא של יתמות. הלך מעולמי מישהו גדול וחכם ממני, שאהב אותי ולי היתה הרגשה שהוא תמיד שם בשבילי. אבל יחד עם ההרגשה הקשה, נשארים הזכרונות, שתמיד יהיו נצורים בליבי והם טובים וחמים ואמיתיים מאוד.

אני חושבת עלייך ועל כך שעכשיו קשה לך, אחרי חמישים שנה בה חיית עם הדוד. פתאום הוא נעלם מחייך. זו צריכה להיות ההרגשה הכי קשה בעולם. לשניכם היו חיים לא קלים, חיים עם זכרונות נוראים מעולם אחר, אותם נשאתם בגבורה, אבל לפחות היה לכם אחד את השניה והבנתם את העולם ממנו באתם בצורה שמי שלא היה שם, לא יוכל אף פעם להבין.

לא מזמן התחלתי לקרוא בצורה מטודית את האנציקלופדיה של השואה, אותה נתת לי. מאז שנולדה זואי, אני מרגישה צורך חזק ועמוק לנסות ולהבין את השיגעון, את הזוועה. יש לילות שלמים, בהם אינני יכולה לישון לאחר שאני קוראת ערכים באנציקלופדיה ואני חושבת עלייך, על הדוד, על לובה אמא של אלכס ואני לא מבינה, איך אפשר להמשיך ולחיות עם כל הזכרונות ולנהל חיים שלמים כמו שאתן מנהלות, חיים כמו שהיו לדוד. אני לא חושבת, שיש אנשים אמיצים ממכם.

את המכתב הזה אני כותבת לך בלי סדר, בלי אירגון, רק ככה, כל המחשבות שעולות לי בראש והייתי רוצה לחלוק איתך עכשיו. אני כותבת את כל זה במחשב, מכיוון שזה בכל אופן עוזר לי לארגן מחשבות.

איבדנו היום איש גדול – וזה מאוד כואב. דוד סם שלי איננו.

אני אוהבת אותך ומחבקת אותך חזק חזק,

ניו־יורק, 1.8.93 **אֶסי**

★

יהודית הורן פלדמן ז"ל

ב־28.12.92 ד' בטבת תשנ"ג, קיבלנו ידיעה שאחותי נכנסה לבי"ח אסף הרופא, היות והיא נזקקה באופן דחוף לניתוח. תיכף נסעתי עם אשתי לביה"ח. לצערינו, אחותי נפטרה מעל שולחן הניתוחים.

אבידה גדולה, והכאב צורב. היא היתה משפחתי היחידה שנותרה מתקופת השואה. עוד רבות יכלה לתרום למשפחתה, ילדיה ונכדיה – בייעוץ, מילה טובה, הדרכה וכו'. למדה בבית־ספר תיכון יהודי ("בהומניסטיקה"), התחנכה בתנועות "השומר

העברי" ו"הנוער הציוני" בעיר לובלין. כאן ספגה ערכי תרבות ומסורת יהודית.

התנועה היתה בשבילה מקור רעיונות לגיבוש עולם אחר. שאיפתה העיקרית היתה – לעלות לארץ, לכן יצאה להכשרה יחד עם חברה, וברבות הזמן, גם בעלה אברהם, בקיבוץ זבירצ'ה על יד צ'נסטוכוב. בשנת 1938 עלתה ארצה עם בעלה. כאן הצטרפו לקיבוץ "המפלס" על־יד כפר סבא. היא היתה חברה "בהגנה" והשתתפה בכל פעולותיו.

בתקופת המאורעות, כאשר קיבוצה הותקף פעמים רבות ע"י ערבים, ביקשתי ממנה כי יעברו באופן זמני לראשל"צ, ושכרתי לה דירה לשם כך. יהודית התחילה לעבוד בצרכניה, ואברהם – בבית החרושת לבירה "נשר". תחילה כמסגר, ותוך תקופה קצרה קיבל מינוי כמנהל עבודה. יהודית התקדמה בעבודתה ומינו אותה לגזברית ראשית של הצרכניה. הקימה משפחה לתפארת.

היא עבדה במקום במשך 35 שנה, ורכשה הרבה ידידים וחברים, שידעו להעריך את סגולותיה הנעלות. כשפרשה מעבודתה, עבדה בהתנדבות בביה"ח אסף הרופא בכדי לעזור לחולים.

יהודית היתה מקבלת כל אדם בסבר פנים יפות וביד נדיבה, וזאת בצורה צנועה ופשוטה, בכל הליכותיה. מוכנה להקשיב וליישב הדורים, לעזור לנצרכים. כל זאת תמיד במצב רוח טוב. אהבה את החיים ואת האנשים באשר הם. המלחמה, שניצחה את הגוף, לא יכלה לנפש העירנית והרגישה, כפי שראינו בזמן האחרון. כנראה שסבלה בשקט, מבלי להציק לאחרים. תמיד עם חיוך, חוש הומור מבריק ומעניינת בשיחותיה.

השאירה בת, מורה בראשון־לציון; בן, אקדמאי מחשבים ו־6 נכדים.

מכריה וידידיה יזכו את זכרה לעד.

תהיה נשמתה צרורה בצרור החיים.

מתתיהו הורן

★

אירקאַ האָרן־קירשנבוים ז"ל

געבוירן אין ווארשע, אין יאָר 1940 און אוועק אין דער אייביקייט אין ניו־יאָרק, דעם 28.8.93. אין 1941 געלונגט דער טאטע־מאמע און דריי קינדער – צו אנטלויפן אויף יענער זייט בוג, אָבער די רוסן פארשיקן זיי קיין סיביר. דאָרט שטארבט דער פאָטער, וואָס פאריתומט די פרוי און די דריי קינדער. אין 1945 קומען זיי צוריק קיין פוילן מיט דער רעפאטריאציע און באזעצן זיך אין ווראָצלאוו.

אין יאָר 1957, איז די משפחה עולה קיין ישראל און ווערט געשיקט אין דער מעברה אין טבריה, ווו די מוטער האָט שווער געארבעט, כדי אויסצוהאלטן די משפחה, וועלכע איז אין יאָר 1959 אריבערגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, ווו זי האָט זיך באקאנט מיט משה האָרן, א ברודער פון לובא קאָרן און האָבן חתונה געהאט. זיי ווערט געבוירן א זון לאָרי און טאָכטער סוזי.

אירקא און איר מאן משה ז"ל באזוכן אָפט ישראל און שטיצן מיט א ברייטער האנט א גאנצע ריי אנשטאלטן און אינסטיטוציעס אין דער מדינה. אין ניו־יאָרק האָבן זיי גאסטפריינטלעך אויפגענומען שליחים און פאָרשטייער פון ישראלדיקע אָרגאניזאציעס, וועלכע מ'האָט געשטיצט. קיינער איז נישט אוועק פון זייער היים מיט ליידיקע הענט. אירקע האָט זיך געהאלטן נאָענט מיט דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ניו־יאָרק און דאָרט געצאָלט רעגולער איר מיטגליד־אָפצאָל.

אין דער לווייה אין ניו־יאָרק האָבן זיך באטייליקט הונדערטער מענטשן. וועגן דער איידעלער, קולטורעלער און גוטהאציקער פרוי לייענען מיר דריי וויכטיקע אָפשאצונגען אין "ניו־יאָרק טיימס" (31.8.93): דזשאָן קליין, פרעזידענט פונעם קאָמיטעט פון ועד למען החייל; פון דער "יונג־ישראל אָרגאניזאציע"; פון פאניע ווייַנבערג. אלע שטרייכן אונטער די מעלות טובות פון דער פארשטאָרבענער. מיין טיפסטער מיטגעפיל דער פאריתומטער משפחה פון מיין הארציקער קוזינע אירקע – איר מאמען, די קינדער מיט זייערע משפחות, דער שוועגערין און שוואָגער לובא און משה קאָרן. זייט געטרייסט.

משה זאלצמאַן, תל־אביב

★

עוואַ ווייס ז"ל

די טאָכטער פון קאראָלינא און ד"ר שמחה בינעם ווייס, איז געבוירן אין ווארשע, אין יאָר 1952. שטודירט אויפן ווארשעווער אוניווערסיטעט, פאקולטעט פאר פוילישער פילאָלאָגיע. אין יאָר 1982 עמיגרירט קיין סידני, אויסטראליע, ווו זי האָט באקומען די אויסטראלישע בירגערשאפט און דאָרט געוווינט ביז דעצעמבער 1982. זי איז שטארק געווען צוגעבונדן צו אונדזער פאָלק און אקטיוו זיך באטייליקט אין אלע יידישע אונטערנעמונגען און פייערונגען, באזונדערס אין לובלין, ווארשע און אויך אין סידני. זי איז געווען די מיטאויטאָרין און טיילווייזע פינאנסיסטין פון דעם אָנדענק־טאָוול אין פויליש און העברעיש אויפן קלויסטער אויפן "זאמד", ווו ס'האָט זיך פריער געפינען די שיל און בית־המדרש. זי האָט אָפט באזוכט דעם יידישן בית הקברות אין ווארשע אויף דער אָקאָפאָווע און שטארק באדויערט דעם נאכלעסיקן צושטאנד, אין וועלכן ער געפינט זיך. עטלעכע טעג פאר איר טויט, האָט זי פון אירע באשיידענע אָפשפאָרונגען פון א פענסיאָנערין, געשאָנקען 8 מיליאָן זלאָטיס פארן פאָנד פונעם בית הקברות. תמיד געטראָגן אויפן האלדז דעם מגן דוד און די מנורה, וועלכע זי האָט מיטגענומען אין קבר.

אין יאָר 1992, איז דערפילט געוואָרן איר הייסער ווונטש און זי האָט באזוכט ישראל. דעם 7טן מאי 1992 איז זי געקומען אין לאנד, באזוכט די וויכטיקסטע ערטער און נישט אויפגעהערט צו באווונדערן און זיך אנטציקן מיט די דערגרייכונגען פון דער מדינה, ווו זי האָט זיך באקאנט מיט א סך מענטשן.

זי איז געשטאָרבן דעם 23סטן אפריל ה. י. אין ווארשע און מ'האָט איר קובר געווען אויפן יידישן בית הקברות. דער פאָטער ד"ר שמחה בינעם ווייס האָט געזאָגט "קדיש" און דער חזן שולדריך – די תפילה "אל מלא רחמים". אין דער לווייה האָבן אנטייל גענומען פיל פריינט און באקאנטע פון פוילן, אויסער די קרובים. ס'זענען אויך געווען פאָרשטייער פון לובלין און סידני. די עלטערן און ברודער האָבן באגלייט אין דער אייביקער רו זייער טאָכטער און שוועסטער, א טריי קינד פון יידישן פאָלק.

זאָל איר די ערד גרינג זיין!

ר.

מאניע לוסטיגער־קלאַפּער
ז״ל

דעם 11טן אפּריל 1993, האָבן מיר באַגלייט צו דער אייביקער רו די גוטהאַרציקע, טרייע לובלינער יידישע טאָכטער, וואָס איז נפטר געוואָרן אין בת־ים נאָך א לאַנגדויערנדיקער קראַנקייט. אין פאַרמלחמהדיקן לובלין איז זי געווען גוט באַקאַנט ווי א מאָדעל־שניידערין, נאָר ווי דער רוב יידישע יוגנט אין יענע צייטן, האָט מען דאָך געטרוימט וועגן עליה און עמיגראַציע. אין יאָר 1932, האָט זי עמיגרירט קיין פּאַריז און איר געלונגט זיך איינצואָרדענען, א דאַנק איר פּאָך־קענטעניש, אַרבעטזאַמקייט און באַציאונג צו מענטשן. דער אויסברוך פון דער מלחמה צווינגט איר צו זוכן א באַהעלטעניש פאַר די נאַצישע פאַרפאָלגערס און איר געלונגט איבערצולעבן די שואה אין א דאָרף הינטער טולוז.

נאָך דער באַפרייאונג, צוריק געקומען קיין פּאַריז און אָנגעהויבן פונדאָסניי. אין יאָר 1948 האָט זי חתונה מיט, אים צו לאַנגע יאָר אלתר לוסטיגער, און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָבן זיי עולה געווען קיין ישראל. אין די זיבעציקער יאָרן, איז דאָס פּאָרפּאָלק לוסטיגער געווען די אייגנטימערס פון א חתונה־זאַל אין תל־אביב און זיי האָבן נישט איינמאָל דערמעגלעכט דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט איינצואָרדענען מסיבות און פייערונגען, פאַר א באַזונדערן פּרייז.

מאַניע האָט תמיד זיך אינטערעסירט מיט אונדזערע לובלינער און ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָנט די אַלטע היים, באַזונדערס די יידישע געגנט, וווּ זי האָט געוווינט. מיט איר אַוועקגיין, האָבן מיר פאַרלוירן א וווילע, ערלעכע און קלוגע פרוי.

זי האָט פאַריתומט איר מאַן, אלתר לוסטיגער, באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער אין בת־ים, א זון, שנור און אייניקל.

כבוד איר אָנדענק.

דוד שטאָקפיש

★

חיים ניסנבוים ז״ל

דעם 13טן יולי 1993, איז אין מאָנטרעאַל געשטאָרבן דער גוט באַקאַנטער בונדיסט, טוער פון אַרבעטער־רינג און אַקטיווער קולטור־טוער – חיים ניסנבוים. נאָך לאַנגע מאַטערנישן, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. ער איז געווען צוגעשמידט צו זיין געלעגער, נישט קענענדיק אַרויסברענגען קיין וואָרט, מען האָט אָבער אַרויסגעפילט זיין צער און טרויער.

געבוירן אין לובלין אין 1902, ביי זייער פרומע עלטערן. האָט דער טאַטע, א גרויסער חסיד, געוואָלט, אַז זיינע פינף זין זאָלן גיין אין זיינע וועגן. אָבער דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון יענער צייט האָט פאַרכאַפּט די ברידער ניסנבוים און דער דראַנג צו יושר און גערעכטיקייט, האָט זיי געבראַכט אין די רייען פון ״בונד״. חיים האָט זיך פאַרבונדן מיטן ״בונד״ און דאָרט געבליבן זיין גאַנץ באַוווּסטזיניק לעבן, ביז די קראַנקייט האָט אים לגמרי באַהערשט.

מיטן גאַנצן יוגנטלעכן און חסידישן ברען, וואַרפט ער זיך אַריין אין דער אַרבעט, איז טעטיק אויף פאַרשידענע געביטן. פּונקט ווי זיינע ברידער, ווערט ער אַריינגעוואַקסן אין דער אָרגאַניזאַציע. אין דער בלויער בלוזע און רויטן קראַוואַט, נעמט ער אָנטייל אין אַלע דעמאָנסטראַציעס און אַרויסטרעטונגען פון ״בונד״. ער באַטייליקט זיך אין קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן, ווערט אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון דער ״צוקונפט״. אויסער דער רעגולערער ״צוקונפט״־אַרבעט, ווערן אָרגאַניזירט ראַיאָן־צוזאַמענפליען, צווישן־שטאָטישע זומער־לאַגערן, וואַנדער־סעקציעס, אויספלוגן און מאַרשן אין די שטעטלעך אַרום לובלין. חיים לייגט אַריין א סך מי און ענערגיע אין דער דאָזיקער אַרבעט.

מיט דער צייט, נעמט ער איבער דער אמט פון סעקרעטאַר פון צוויי פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען: דער לעדער־פאַראיין, צו וועלכע עס געהערן אויך פּוילישע אַרבעטער, און דעם פריזירער־פאַראיין.

אין דער פּאַרטיי האָט חיים געהערט צו דער ״רעכטער״ ריכטונג און פאַרטיידיקט די שטעלונג פון די ״איינסער״.

ווען די נאַציס האָבן פאַרנומען לובלין, האָט חיים, מיטן גאַנצן שטראָם פּליטים זיך געלאָזט צו די מזרח־געביטן, וואָס זענען אָקופּירט געוואָרן דורך רוסלאַנד. ער קען אָבער נישט געפינען קיין רו, ווייל אין דער היים איז געבליבן זיין צוקונפטיקע פרוי פייגעלע. ער גייט צוריק קיין לובלין, שמוגלט די גרענעץ אַהין און צוריק און ראַטעוועט פייגעלען פון די נאַצישע לאַפּעס. אין רוסלאַנד ווערט געבוירן זייער טאָכטער צעלינקע.

נאָך דער מלחמה, קומט חיים מיט זיין קליינער משפּחה צוריק קיין פּוילן און טוט ווידער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. ווען עס ווערט אָבער קלאָר, אַז פּוילן איז נישט מער דאָס אָרט פאַר יידן, נעמט ער דעם שטעקן אין האַנט און נאָך א לאַנגן נע־ונד, דערשלאָגט ער זיך קיין קאַנאַדע.

פּונקט ווי אַמאָל אין לובלין, פירט ער אויך אין מאָנטרעאַל א זייער אינטענסיוו לעבן. ער מוז באַלד עפּעס טאָן, צו פאַרדינען אויף ברויט און ווערט א פּרעסער אין א שאַפּ. נאָך א שווערן אַרבעטס־טאָג און שטיין אויף די פיס, לויפט ער אין די אָוונטן טאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. ער ווערט טעטיק אין דער פּאַרטיי און אין אַרבעטער־רינג אַלס עקזעקוטיוו־מיטגליד פון אַרטור זיגלבוים ברענטש און פאָרזיצער פון שטאָט־קאָמיטעט. ער שאַפט און פירט אָן מיטן קולטור־קאָמיטעט, אַרויסווייזנדיק א סך איניציאַטיוו ביים דורכפירן פאַרשידענע קולטור־אונטערנעמונגען, מיט די בעסטע קינסטלערישע כוחות. אויך אין דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט איז ער אַקטיוו און לויט זיין איניציאַטיוו, ווערט אויפגעשטעלט דער דענקמאָל לזכר די פאַרטיליקטע לובלינער יידן.

חיים האָט נישט געקענט זיין אומטעטיק און אויך אין הויז זיצט ער נישט מיט פאַרלייגטע הענט. פייגעלע אַרבעט אויך און נאָך דער אַרבעט פירן זיי צוזאַמען די הויז־ווירטשאַפט. אָבער חיים פאַרלויפט פייגעלען אַלע וועגן, ער שוינט זי אָפּ. זיך אַליין האָט ער נישט געשוינט און קיינמאָל

זיך אויף גאָרנישט באַקלאָגט. זיין איבערגע־געבנקייט צו זיין משפחה האָט נישט געהאַט קיין גרענעצן. רירנדיק איז געווען זיין ליבשאַפט צו זיין צאַרטער טאָכטער צעלינקע, וועלכע ער האָט ממש פאַרגעטערט. די דאָזיקע טיף־סענטימענטאַלע באַציאונג, טראָגט ער שפּעטער איבער צו זיין אויסערגעוויינטלעך געראָטן אייניקל זיסעלע. אָבער די ליבשאַפט איז אַ קעגנזייטיקע, אויך צעלינקע פאַרערט איר טאַטן.

בכלל איז חיים געווען אַן איבערגעגעבענער מענטש, אַן אויפריכטיקער, אַן ערלעכער און אינטעליגענטער, אַן אויטאָדידאַקט, ער האָט אַ סך געלייענט און געווען גוט באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור.

חיים איז געווען אַ פלינקער, אַ באַוועגלעכער, אַ לעבנסלוסטיקער. ער האָט ליב געהאַט פריילעכקייט, יומטובדיקייט, צו פאַרברענגען מיט פריינט, מיט געזאַנג און אַ גוטן וויץ. ביי יומטובדיקע געלעגנהייטן, פלעגט ער יוגנטלעך אויפלעבן און זיך משמח זיין מיט עכט חסידישן ברען.

וועגן חיים׳ען קאָן מען זאָגן, אַז ער האָט געדינט דער געזעלשאַפט מיט אַלץ וואָס ער האָט געקענט.

טשאַרנע ווייס פּאָליוואָדאַ

★ ★ ★

מאַנפרעד פרענקעל ז״ל

מיט 3 יאָר צוריק, האָב איך צו די זכרונות פון מאַנפרעד פרענקעל "פאַר וואָס האָב איך אַדאַפּטירט דעם זכר פון דער יידישער לובלין", (קול לובלין" נומ׳ 26 פון יאָר 1990), אָנגעשריבן דעם פאָלגנדיקן אַריינפיר:

"דער מחבר פון די זכרונות, איז "כמעט", אויב נישט "אין גאַנצן" אַ לובלינער ייד, אין זכות פון זיין פרוי, אונדזער בת־עיר שרה פרענקעל־באַס, נאָר אויך, און קודם כל, וואָס ער איז דער איניציאַטאָר און אינוועסטירער צו רעקאָנסטרואירן דעם בית־הקברות אין לובלין אויף דער אוניצקה גאַס (היינטיקע וואַלעטשניך), כדי צו באַנייען דאָס הייליקע אָרט, וואָס איז פאַר אונדז, יידן פון לובלין, באמת הייליק. אין די זומער־חדשים פון יאָר 1991, וועט אין לובלין פאָרקומען די באַנייאונג פונעם בית עולם און צו דעם אַקט פאַרבעט פריינד מאַנפרעד וואָס מערער לובלינער יידן".

די דאָזיקע גאַסטפריינטלעכע פאַרבעטונג פון מאַנפרעדן, האָט נישט געהאַט אַזאַ שטאַרקן אָפּקלאַנג ביי אונדזערע לובלינער יידן. אָבער דאָס האָט ניט אַנטוישט דעם דאָזיקן רואיקן, סאָלידן און פאַראַנטוואָרטלעכן מענטש, ווייטער צו

פאַרנעמען זיך מיט דער רענאָוואַציע פונעם בית־עלמין, ווי אויך מיטן אַלטן בית הקברות אויף דער שעננאַ גאַס. אין די צוויי פּראָיעקטן האָט ער אינוועסטירט זייער אַ סך ליבשאַפט, איניציאַטיוו, מחשבה און געלט – אַ סך געלט! – און טאַקע זוכה געווען צו באַנייען דאָס אָרט מיט אַ פאַרצאַמונג פון מצבות, אַן אייגנאַרטיקן אַריינגאַנג און מיניאַטור בית־הכנסת.

אין אויגוסט 1993, איז ער נפטר געוואָרן אין אַנטווערפּן בעלגיע און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין ירושלים.

מאַנפרעד פרענקעל איז געבוירן אין בראַאונשווייג, דייטשלאַנד, דעם 18טן יאַנואַר 1920. זיין פאָטער, בענאָ פרענקעל איז געבוירן אין לאָדזש און די מוטער רעגינע ערפרעכטער־שפּינדעל – אין קאָלאָמיי. ביז 1935 געלערנט אין דער פאָלקס־שול אין בראַונשווייג, נאָר פון יאָר 1935, נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, איז אים, דעם יידישן שילער, געוואָרן זייער שווער צו לערנען אין אַ דייטשישער גימנאַזיע.

נאָכן פאַרלאָזן די שול, געוואָרן אַ לערניינגל אין דער יידישער פירמע "טעפּיק און גאַרדינען־הויז ס. אונגער", דערנאָך ווי אַ פאַרקויפער און דעקאָראַטאָר, אויף אַ תקופה פון 3 יאָר. דעם 28סטן אָקטאָבער 1938, איז זיין מוטער געקומען צו דער אַרבעט און דערציילט, אַז די געסטאַפּאָ האָט באַפוילן צו פאַרלאָזן בראַונשווייג אין פאַרלויף פון 24 שעה און אַרויספאָרן קיין פוילן, "ווייל מיר זענען סיי פוילישע בירגער, סיי יידן".

"נאָך אַ שעה גיין אין דער נאַכט־פינצטערניש, זענען אַנטקעגן געקומען זעלנער פון דער פוילישער גרענעץ־וואַך, און זיי האָבן אונדז אַריינגעפירט קיין זבאָנשין".

די מלחמה־יאָרן האָט מאַנפרעד אַדורכגעמאַכט אין געטאָ לאָדזש. אין זיינע זכרונות שילדערט ער יענע שרעקלעכע צייט:

"אַ מענטשלעכע שפּראַך איז נישט מסוגל צו דערציילן, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט געהאַט אויסצושטיין אין לאָדזשער געטאָ. הונגער, נויט, קראַנקייטן, אונטערדריקונג, שמוץ, לייז און אַ געוואַלדיקע ענגשאַפט – אין די שטובן און אויף די גאַסן. די באַפעלקערונג אין געטאָ האָט פון טאָג צו טאָג זיך פאַרקלענערט סיי צוליב דער שטערבלעכקייט פון הונגער און קראַנקייטן, ווי פון די כסדרדיקע אויסזידלונגען. איך בין צוויי מאָל געווען באַשטימט צו ווערן דעפּאָרטירט, אָבער ביידע מאָל געקומען צוריק אַ היים, צו מיינע עלטערן".

דערנאָך הייבט זיך ערשט אָן דער אמתדיקער גהינום – פון איין לאַגער אין צווייטן, מיט שקלאַפן־אַרבעט, הונגער, ליידן און נויט: אוישוויץ, בראַונשווייג ("ביססינג"־פאַבריק), וועכעלדע, ראַווענסבריק, וועבבעלין – און ענדלעך דערלעבט די באַפרייאונג.

אָט וואָס מאַנפרעד פרענקעל האָט אין זיינע דערינערונגען דערציילט וועגן די סיבות, וואָס האָבן אים באַוויגן צו פאַראינטערעסירן זיך מיט לובלין:

"שוין 36 יאָר, אַז מיר וווינען אין דער בעלגישער דיאַמאַנטן־שטאָט אַנטווערפּן, נאָר אין די לעצטע יאָרן באַזוכן מיר אָפט לובלין – און צוליב פאָלגנדיקע סיבות:

מיין פרוי שרה האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פון די היטלעריסטישע מערדער, אַ דאַנק דעם גלח יאַן פּאָדעמבניאַק פון לובלין. איר שטרעבונג איז געווען צו באַזוכן די שטאָט און אָפּדאַנקען אירע רעטערס. ערשט אין יאָר 1983 געלונגט אונדז, נאָך אַ סך באַמיאונגען, צו באַקומען אַן אַריינפאָר־וויזע קיין פוילן. אין לובלין האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער גלח וווינט אין טשעמיערניקי. איידער מיר זענען געפאָרן אַהין, האָבן מיר באַזוכט מיידאַנעק. אין טשעמיערניקי האָבן מיר געטראָפן דעם גלח פּאָדעמבניאַק, וואָס האָט אַוואַנסירט אין דער גייסטלעכער היעראַרכיע און געוואָרן ביסקופּ. בעת דעם צוזאַמענטרעף מיט אים, האָט ער געזאָגט צו שרה׳ן: "געדענקסט ווי האָסט מיר געזאָגט, ווען ביסט געקומען צו מיר אין לובלין, אין 1942 – ׳אויב איר, הער גלח, וועט וועלן, בלייבן מיר לעבן׳".

אין די לעצטע 3 יאָר, געפין איך זיך אָפט מיט מיין פרוי אויף דער טראַסע אַנטווערפּען־לובלין. מיר היטן צו, אַז די אַרבעטן צו באַנייען דעם בית הקברות, זאָלן אויסגעפירט ווערן לויט אונדזערע פּלענער און פאַרלאַנגען. מיר גלויבן, אַז אין די נאָענטסטע זומער־חדשים, וועט פאָרקומען דער אַקט פון באַנייען דעם בית־הקברות,

וועלכער וועט זיין אַ בכבודיקער מאָנומענט לזכר די איבער 40 טויזנט יידן פון לובלין, וואָס זענען געפאַלן אַ קרבן פון די היטלעריסטישע רציחות.

מיר, דעם ייד פון דער דייטשישער שטאָט בראונשווייג, איז געוואָרן נאָנט צום האַרצן דער זכר פון אַזאַ היסטאָרישער יידישער שטאָט, ווי ס'איז געווען לובלין – און דערפאַר האָב איך אַראַפּטירט דעם געדאַנק, אַז מען טאָר נישט לאָזן אין פאַרגעסנקייט די רייכע געשיכטע פון דער שטאָט".

★

אויך מיר, יידן פון לובלין, טאָרן נישט לאָזן אין פאַרגעסנקייט דעם טייערן, האַרציקן ייד און מענטש, וואָס האָט אויך א סך אויפגעטאָן פאַר ישראל, באַזונדערס אויפן געביט פון חינוך.

דער באַנייטער בית הקברות אין לובלין, איז נישט נאָר א מאָנומענט פאַר די אומגעקומענע און דאָרט געשטאָרבענע לובלינער יידן, נאָר אויך א בכבודיקע מצבה פאַר דעם איניציאַטאָר און פונדאַטאָר – מאַנפרעד פרענקעל.

כבוד זיין אָנדענק און טרייסט דער אלמנה, אונדזער בת־עיר שרה באַס־פרענקעל און זייער זון מיט דער משפחה.

דוד שטאָקפיש

★ ★ ★

טובה רוזנצוויג ז"ל

טובה רוזנצוויג (למשפחת פישמן) נולדה בשנת 1915 בעיר טומשוב מזובייצקי. למדה בבית ספר עממי בעיר טומשוב ובתיכון יהודי ע"ש ויסלפיש בעיר.

בשנות השלושים עברו לגור בעיר לודז', ושם גרה עד פרוץ מלחמת העולם. עם פרוץ המלחמה, גרו בגיטו לודז', עד אוגוסט 1944. ובשנת 1944 הועברה למחנה אושוויץ.

שוחררה ב־30.4.95 בבוכברג, ושם עברה למחנות העקורים בפרנוולד. שם הכירה את יצחק רוזנצוויג מלובלין והם נישאו ב־1945.

ביוני 1949, עלו טובה ויצחק ארצה וגרו בקרית חיים, ולאחר מכן בנווה שאנן.

בשנת 1987 עברו לעיר גבעתיים וב־31.3.93 נפטרה.

★ ★ ★

צבי ריכטר ז"ל

צבי היה חי בתוכנו, איש צנוע היה. ברצוני להפרד ממנו. בן עירי לובלין היה האיש. אני זוכרת את עצמי כילדה עומדת ע"י קולנוע "ונוס" שבשכונתנו ומביטה, איך הוא בזריזות מצייר שלטי פרסומת. כל שחקן או שחקנית היו יוצאים כחיים מתחת למכחולו. כשצבע את השלט בעסקו של אבי, היתה לי ההזדמנות להכיר את שמו.

שתי אחיותיו עבדו בבית החולים היהודי, שבו גם אני עבדתי. כל הזמן סיפרו על אחיהם הניק, שבעת המלחמה ברח מאימת הגרמנים לרוסיה והן דאגו לו מאוד. משפחת ריכטר גרה בשכונה יהודית מרוחקת ומשפחתי בשכונה פולנית, כך שאינני יודעת פרטים על גורלם הסופי.

נגמרה המלחמה וכל אחד מהניצולים ניסה את דרכו מחדש. אינני זוכרת בדיוק איך נפגשנו והכרנו שנית בעפולה. שנינו בנינו משפחה בתנאים קשים. משפחת ריכטר נכנסה לשכונה, היינו נפגשים בדרך, כל אחד בדרכו שלו. רוב השיחות היו על לובלין. לפעמים היה בא לבקש ספר. צבי אהב לקרוא, אבל מעל הכל אהב לצייר. ביתו, מבצרו כולו מקושט תמונות מעשה ידיו. לא פעם חשבתי: לו מצבו הכלכלי שם היה יותר טוב בוודאי היה יכול לפתח את כשרונותיו.

חי בצנעה, בחוג ידידיו, מרוצה בהישגיו.

מחלת אשתו פגעה בקן שלהם. צבי טיפל בה במסירות ושמר על הבית ועל נקיונו כמו קודם.

בזמן האחרון המחלה האיומה פקדה את אחותו. כשביקרתי מצאתי אותו לשבת בלי יכולת לקום. סיפר את סיפוריו ולא שכח לציין כמה טוב גורלו כאן מגורל יהודי זקן וחולה שם. שיבח את המוסדות, את השכנים הנהדרים, את העולות החדשות שאמנם מטפלות אצלם בשכר, אבל נוצרה ביניהם קירבה משפחתית.

צבי אושפז וחלם לשוב הביתה להמשך טיפול אחרי הניתוח. ראיתיו בבית החולים במצבים קשים. קשה היתה הפרידה טרם העברתו לבית החולים האיטלקי בחיפה. איש חולה ואשתו משותקת חלקית דואגת בבית, והוא דואג לה. ציידתי אותו לדרך בספר ובברכת החלמה. הבטחתי לבקרו ולא הספקתי.

צבי הזדרז והלך מאתנו בלי להכביד על הסביבה.

יהיה זכרו ברוך.

סויקה בנק־ארליכמן

אבי ברוך רוזנבלום ז"ל

מגיל צעיר יצא אבא לעצמאות, מאחר שאביו נפטר ועול פרנסת אמו היתה עליו. אבא המשיך לשאת בעול זה גם לאחר נשואיו ודאג לכל מחסורה של אמו.

מקטנות זוכרת אני את אבי כדואג לפרנסה בכל דרך אפשרית. כל עבודה היתה טובה ומכובדת עבורו, בכדי לספק את צרכי המשפחה. בזמן מלחמת העולם השנייה, כשהיינו ברוסיה, היה מבשל את ארוחותינו הדלות, מומחה היה באלתורים והעיקר שלא נהיה רעבים. אמא באותה תקופה עבדה קשה מאוד, ואבא השתדל לעזור לה בכל דרך אפשרית.

בתום המלחמה, לאחר שהמצב השתפר, היה לוקח אותנו, הילדים לטייל ותמיד היה קונה פירות שלא הכרנו, כמו תפוזים, בננות, אבטיח וכו'. אבא אהב לראותנו נהנים, מהטעימה הראשונה של פרי לא מוכר לנו. כבכורה במשפחה זכיתי להצטרף לאבא להצגות לתיאטרון, קולנוע, ובעיקר אופרטות ואופרות שהיו אהבתו הגדולה.

מספר ימים לאחר הגיענו לארץ, יצא אבא לעבוד והשתדל לבסס את החיים ותודה לאל שהצליח. אותנו הילדים אבא חינך שכל עבודה ותפקיד שאדם לוקח על עצמו, צריך לבצעו בנאמנות, במסירות וביושר – וכך הננו עד היום. תמיד דאג לכל אחד מאתנו. בעיותנו היו תמיד בעיותיו, רצה שיהיה לנו תמיד טוב.

בהוולד הנכדים והנינים, לא היה אדם יותר גאה ומאושר ממנו.

התכנסות המשפחה המורחבת בנר ראשון של חנוכה אצל ההורים, הפכו למסורת מקודשת – עד החנוכה האחרון בחייו.

בשנים האחרונות, לאחר מות אמא, היה עובד בהתנדבות בסניף קופת־חולים, אליו היה שייך. היה אהוב שם על כולם. תמיד דברו בשבחו על נאמנותו, דייקנותו ונקיונו.

בתקופת חוליו הקצרה והקשה, השתדל

מאוד להפנים ולהבליע את הסבל והכאבים שהיו מנת חלקו. לא רצה להכביד עלינו ולצער אותנו. עד רגעיו האחרונים, נשאר צלול דעת, הגיוני, רגיש ומתחשב בכל הסובבים אותו, משפחתו והצוות הרפואי. אבא נפטר ב־22 בינואר 1993, כ"ט טבת תשנ"ג. יהי זכרו ברוך!

הבת יוכבד ארליכמן

★ ★ ★

נחמן שמן ז"ל

נולד בחודלה, פולין, בשנת 1912, בן של ר' שלמה זלמן בוימל וגיטל פרל. בגיל 17 קיבל סמיכה מהרב מיכלסון מוורשה ומהרב כהנא מלובלין.

עבר לטורונטו, קנדה בשנת 1930, והתחיל ללמד בתלמוד תורה "עץ החיים", לכתוב מאמרים, בעיקר בשטח ההגות היהודית, וללמוד עם הרב גרויברט, מראשי רבני טורונטו. בשנת 1933, כתב את ספרו הראשון "הפאשיזם באירופה".

לפני ובמשך מלחמת עולם השנייה, היה מזכיר הפדרציה הקנדית לעזרת יהודי פולין ובמסגרת תפקיד זה, הצליח למלט כמה יהודים מידי הנאצים.

ב־1946 הצטרף לקונגרס היהודי הקנדי, ויחד עם מאיר גזנר, יסד את המחלקה האורטודוקסית של הקונגרס. ב־1950, מונה כמנהל כללי של מחלקת הכשרות של הקונגרס היהודי הקנדי באונטריו וניהל אותה במשך כ־45 שנה. בסוף שנות ה־70, התגשם חזונו בהשלמת רשת כשרות כלל ארצית בקנדה, מוסכמת על כל זרמי היהדות. במשך כל שנות פעילותו, קרא לדו־שיח בין אורטודוקסים, קונסרבטיבים ורפורמים. כמורה שנים רבות, לימד אלפי תלמידים בטורונטו.

כעתונאי, כתב אלפי מאמרים בעתונים שונים בכל רחבי התפוצה היהודית, דוברת אידיש. בקהילתו היה דרשן בדברי תורה מדי שבוע, במשך עשרות שנים. כסופר, כתב כ־13 ספרים, וערך מספר ספרים. קיבל פרס טננבאום בקנדה, ואחרים במקסיקו וישראל. השאיר אחריו אשה, אחות, 3 בנות ו־16 נכדים.

הבת הני הוכשטיין
ירושלים

רשימת ספרים של נ. שמן:

"פאשיזם באירופה", 1933. "בין מלחמה לשלום", 1939. "הרב גרויברט", 1943. "הרב רוזנברג", 1943. "יחס יהודי ללא יהודי", 1945 ("באציאונג צום פרעמדן"). "די ביאָגראַפיע פון א וואַרשעווער רב".

"ביוגרפיה של רב ורשה" 1949. "לובלין", 1951. "סוציאליזם דתי", 1953. שירת חסידות I, II 1959 ("דאָס געזאַנג פון חסידות"). "יחס יהודי לעבודה", 1962. "יחס יהודי לאדם", I, II 1989 (באציאונג צו מענטש"). "יחס יהודי לאשה" I, II ,69, 1968 ("באציאונג צו דער פרוי"). "קדושה בחיים משפחתיים יהודיים" I, II ,79, 1977 ("קדושה אין יידישן פאמיליע=לעבן").

★ ★ ★

אברהם יצחק שלוי

(קורופטבה) ז"ל

אבינו אברהם־יצחק שלוי (קורופטבה) ז"ל נולד ב־23.8.1907 בעיר לובלין. משפחתו עסקה בייצור עורות ונעלים מאידך, ומצד שני, דודו היה רב ידוע בעיר. היה חבר בתנועת "החלוץ", אשר הכשירה לעלייה לא"י. בשנת 1930, עלה לארץ ועסק במלאכות שונות, כגון: מלצרות, ייבוש ביצות בקיבוץ יגור ובעיקר – בבניה, אשר בה עסק, עד פרישתו בגיל 60.

היה חבר באגודת הספורט "הפועל" וכן חבר ב"הגנה". בשנת 1933 נישא לאמנו גניה ז"ל והקים משפחה. גרו בתל־אביב. ב־1959 עברו לנתניה ושם היה עד מותו. אבא עבד עד גיל 60, יצא לפנסיה כקבלן משנה. אמנו חלתה והוא טיפל בה במסירות יוצאת מן הכלל, עד פטירתה.

אחרי שהתאלמן, חי חיי חברה שקטים ומלאים, שירת את עצמו, אפשר לאמר, עד הסוף מת כצדיק ובשיבה טובה. לא הציק למשפחה, ועד הרגע האחרון התבדח, חייך ונחם.

תהיה נשמתו צרורה בצרור החיים.

נפטר השנה, ב־ו' כסלו.

זוכרים אותו תמיד ואוהבים; בתו חנה, בנו אהרן, חתנו יוסף מרשה, כלתו, נכדיו ונינו היחיד.

★ ★ ★

סוניה שפיץ־יעדוואב ז"ל

דעם 11טן מערץ 1993, איז אין לאָנדאָן נפטר געוואָרן אונדזער בת־עיר סוניה (שיינדעלע) שפיץ־יעדוואב. געבוירן אין לובלין, אין יאָר 1919. די מלחמה־יאָרן איבערגעלעבט אין רוסלאנד מיט דער מוטער און ברודער.

נאָך דער באפרייאונג זיך באזעצט אין לאָנדאָן וווּ זי האָט אויפגעשטעלט א שיינע משפחה. אין די לעצטע יאָרן האָט דער מאן געליטן פון א שווערער קראנקייט און נפטר געוואָרן. אויך סאָניאָן האָט נישט אויסגעמיטן די קראנקייט און זי איז אוועק אין דער אייביקייט, פאריתומדיק צוויי טעכטער, א זון, א ברודער מיט זייערע פאמיליעס.

כבוד איר אָנדענק.

ישראל שײנמאן ז״ל

געווינט אין לובלין, אויף דער נאדסטאווני=גאס. געבוירן אין יאָר 1906, נפטר געווארן אין ישראל, אין יאָר 1993. פאריתומט א טאָכטער און צוויי אייניקלעך. כבוד זיין אָנדענק.

★ ★ ★

שטײגעל — אָשאַל ז״ל

נאָר וואָס באקומען א בריוו פון תל־אביב מיט דער טרויעריקער נייעס, אז שטייגעל (דער זון פונעם געשעפט־אייגנטימער פון גרייטע בגדים אויף דער נאָווע גאס) איז געשטאָרבן – און גלייך זענען אויפגעקומען אין זכרון אונדזערע בשותפותדיקע איבערלעבונגען אין לובלין, ווען דאָס געטאָ איז שוין געווען ליקווידירט.

אויף אונדז ביידע, ווי אויף א גרופע לובלינער יידן, האָבן ס.ס.־לייט געשאָסן נישט ווייט פון אלטן הייליקן אָרט, אין יאָר 1942. פון דער גרופע זענען מיר ביידע געווען די איינציקע, וואָס האָבן איבערגעלעבט די מאסן־עקזעקוציע און פון איר אויפגעשטאנען תחית המתים, שווער פארוואונדעט – איך אין דער לינקער באק, שטייגעל – אין דער אויבערשטער ליפּ. מיט די לעצטע כוחות האָבן מיר ביידע זיך דערשלעפּט צום בית הקברות אויף דער אוניצקע גאס און דאָרט, אינעם טהרה שטיבל, האָט מען זיך אוועקגעלייגט אויף דער קאלטער, צעמענטענער פּאָדלאָגע זיך אָפּצורוען. איינער האָט געטרייסט דעם צווייטן און געהאָלפן פלאנירן ווי אזוי זיך ראטעווען.

אין יאָר 1958 האָב איך אים באזוכט אין פּאריז, מיט יאָרן שפּעטער – אין הרצליה, ווען ער האָט זיך באזעצט אין ישראל און מיר האָבן אָנגעהאלטן פארבינדונגען.

שטייגעל איז געווען א שטילער, באשיידענער מענטש, אן אח לצרה. זאָל אים די ערד גרינג זיין.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

ישראל אייזענבערג, לאָס־אנזשעלעס

★ ★ ★

Henry Zitcer

Henry Zitcer died in London on July 14th after a short illness, aged 82.

Henry was born in Lublin, Poland into a highly respected orthodox Jewish family and he carried his love for Judaism and its traditions with him throughout his eventful life.

Active anti-semitism in Poland prompted his father to send Henry to France where he studied Chemical Engineering at university. However, when his father died in 1936, he returned to Poland to take over the family's flour milling business. Those early years in business gave him the grounding in salesmanship and business acumen which were to prove invaluable to him in his future career.

As for so many Jews in Europe, his plans were brought to an abrupt halt by the outbreak of the Second World War. Forced to leave his mother and two sisters (none of whom he ever saw again) Henry was taken prisoner in Russia where, thanks to his chemical degree, he was put to work in a laboratory analysing food products. After two years in Russia he escaped and after a series of "adventures" he joined the Polish Army in Persia traveling with them through the Middle East and eventually to England where he arrived in 1942. Coming to England did not, however, mean an escape from anti-semitism which was rife within the ranks of the Polish Army. As a result Henry, and other Jews, were given special dispensation to join the British forces.

The British Army put Henry's skills as a multi linguist to use as an interpreter and he found himself on the move once again, this time escorting German prisoners of war via South Africa and South America to Canada.

After being demobbed in 1945, Henry was offered a position as a chemical engineer, but as the salary did not match the life-style he envisaged for himself, it was not long before he decided to try his hand in the textile industry working for Boussac Cottons and traveling between France and England. This work eventually led him into the carpet industry and a partnership which lasted the rest of his lifetime.

As a businessman Henry left an indelible mark as a man of the highest integrity making friends of customers whose interests were close to his heart and earning the respect and admiration of all those with whom he had dealings. His learned and wise council were often sought and always freely given. As a family man he was loving and much loved as a husband, father and grandfather.

He is survived by his wife Helga and sons Cary and André.

צו אונדזערע בני־עיר
אין לאנד און אין אויסלאנד!

ארויסגעבן דעם "קול לובלין" איז פארבונדן מיט זייער גרויסע הוצאות.
דעריבער איז א מצווה נישט נאָר צו לייענען די צייטונג – נאָר אויך פאר איר באצאָלן. און וואָס מערער – אלץ בעסער.
א דאנק!

לאָמיר זיי דערמאָנען

הײַ־יאָר פאלט אויס די 50סטע יאָרצייט פון איגנאַץ אָרטמאַן, אומגעקומען בעתן אויפשטאנד אין געטאָ ווארשע; די 20סטע יאָרצייט נאָכן טויט פון ירחמיאל גארטענקראוט; די 10טע יאָרצייט נאָך דער פטירה פון פּראָפ׳ נחמן בלומענטאל און פון באָלעק אָרטמאַן.
מיר ברענגען ווייטער אייניקע ביאָגראַפישע אַנגאבן פון די פיר נפטרים, צו באערן זייער אָנדענק.

איגנאַץ אָרטמאַן ז״ל

אויף דער גראָדזקע גאַס אין לובלין האָט געוווינט די משפּחה אָרטמאַן. בייטאָג ארבעט איגנאַץ און ביינאכט זיצט מען איבער די ביכער, ביז ער ווערט אָנגענומען אין גימנאזיע – גלייך ער וואָלט אריין אין אן אנדערער וועלט. ער באקאַנט זיך מיט יידישע יונגעלייט פון אסימילירטע פאמיליעס און באפריינדעט זיך מיט פּאָליאַקן. דאָס יונגווארג טראכט וועגן א בעסערער וועלט און וועגן אן אומאָפּהענגיק פוילן.

אין שטורמישן 5־טן יאָר, נאָך אייניקע שטרייק־אקציעס, ווערט איגנאַץ פארשיקט קיין סיביר, צוזאמען מיט פּוילישע און רוסישע אינטעליגענטן.

אין דעם ערשטן וועלט־קריג קעמפט איגנאַץ אין דער רוסישער ארמיי און ווערט צוויי מאָל פארוואונדעט. נאָך דער מלחמה קומט ער צוריק, מיט זיין פרוי און דריי קינדער, אין זיין היימשטאָט לובלין, ווו ער איז ווייטער געזעלשאפטלעך טעטיק אין ״בּוּנד״.

אין יאָר 1931 געוואָרן אויסגעצייכנט מיטן ״קרייץ פון אומאָפּהענגקייט״. אין עלטער פון 60 יאָר, איז איגנאַץ אָרטמאַן מיט זיין פרוי אומגעקומען בעת דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ, אין אַפּריל 1943. ווי ס׳גיבן איבער עדות, וואָס האָבן בייגעוווינט דעם אויפשטאנד, איז ער ביז דער לעצטער מינוט געווען געזעלשאפטלעך טעטיק און געדינט מיט ראט און טאט די יונגע אויפשטענדלערס. די היטלערישע בעסטיעס האָבן אויף זייער רוצחישן חשבון נאָך איין קרבן פון יידישן לובלין.

כבוד זיין אָנדענק!

מאַרעק

★

ירחמיאל גארטענקראוט ז״ל

פרייטיק, ערב יום־כיפור תשל״ד, דעם 5טן אָקטאָבער 1973, איז אויפן בית־הקברות אין קרית שאול געבראכט געוואָרן צו אייביקער רו אונדזער בן־עיר ירחמיאל גארטענקראָט, וואָס איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב אין עלטער פון 73 יאָר.

ירחמיאל איז געבאָרן אין לובלין, ביי אַ בכבודיקער משפּחה. אין פריען עלטער געווען זעלבשטענדיק, געהאַנדלט מיט וואלד און אויך געהאט אין ארענדע לאָנקעס און פעלדער, אויף וועלכע חלוצים וואָס האָבן זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, האָבן דורכגעמאַכט זייער לאנדווירטשאַפטלעכע הכשרה.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געפינט זיך ירחמיאל אין לובלין. ער ווערט פארשפּארט אין מיידאנעק, ווו עס הייבט זיך אָן זיין גהינום ביים לעבן. אין משך פון דער צייט ווערט ער איבערגעפירט פון איין לאַגער אין צווייטן – ביז ער דערלעבט די באַפרייאונג אין בוכענוואַלד. נאָר די דאָזיקע פרייד ווערט באַלד צעשטערט מיט דער ידיעה, אַז זיין פרוי און די פיר קינדער זענען אומגעקומען פון די היטלעריסטישע רוצחים און אויך זיין עלטסטער זון, וועמען ער האָט די גאַנצע צייט געהאַט מיט זיך און אים אָפּגעהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, אויף וויפל דאָס איז געווען מעגלעך אין יענער פינצטערער תקופה – איז יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט.

הגם ירחמיאל האָט געוווינט אין אויסלאַנד, איז אָבער מדינת ישראל געווען זיין אמתע היים, ווו ער האָט פאַרברענגט דעם רוב טעג פון זיין גראַטעוועטן לעבן.

כבוד זיין אָנדענק!

★

נחמן בלומנטל ז״ל

זקן חוקרי השואה

ב־7 בנובמבר 1983, לאחר מחלה ממושכת, הלך לעולמו בתל־אביב הסופר והמורה נחמן בלומנטל, מראשוני החוקרים של תולדות השואה ומהבולטים שבהם.

יליד העיירה בורשצ׳וב בגאליציה, בן 81 היה במותו. בין שתי מלחמות העולם עסק בלובלין בהוראה ובפעילות פובליציסטית, בתחום הספרות והתרבות היהודית. לאחר השואה, הקדיש את עצמו כולו לעבודה על תיעוד השואה וחקירתה. היה בין מייסדי הוועדה היהודית ההיסטורית המרכזית בפולין (לימים – המכון היהודי ההיסטורי) ולאחר מכן מנהלה. היתווה את הדרכים באיסוף חומר תיעודי וגביית עדויות, הופיע מטעם התביעה במשפטים של פושעי מלחמה, ערך את פרסומיו הראשונים של המכון.

★

teatrnn.pl

מיט 10 יאָר צוריק איז אוועק אין דער אייביקייט פּראָפ׳ נחמן בלומענטאל, וואָס איז געווען גוט באקאנט און פּאָפּולער אין פאר־מלחמהדיקן לובלין, אלס לערער און דערציער אין דער הומאניסטישער גימנאזיע.

א ניצול געוואָרענער דעם חורבן, האָט ער נאָך דער מלחמה זיך פארנומען מיט פאָרשן די שואה, אלס וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין לאָדזש און פון יד ושם אין ירושלים.

מחבר פון א ריי ביכער, און באזונדערס פון די ״דאָקומענטן פון יודענראט אין לובלין״.

כבוד זיין אָנדענק.

★

באָלעק אָרטמאַן ז״ל

מיין ברודער באָלעק איז געבוירן אין לובלין, אין יאָר 1915. געלערנט אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע, ווו ר׳איז געווען איינער פון די בעסטע שילערס און גלייכצייטיק צוגעשטאַנען צו דער לינקער יוגנט.

אין יאָר 1933 איז ער געצוווּנגען, צוזאַמען מיט דער משפחה, צו פאַרלאָזן לובלין. מיין פאָטער, מיט זיין רעוואָלוציאָנערער דערפאַרונג פון יאָרנלאַנגער אָנגעהעריקייט צו דער פּ.פּ.ס., וועלכע האָט נאָך געקעמפט מיטן צאַרישן רעזשים, באַשליסט אַריבערצופאָרן קיין וואַרשע, כדי באָלעקן אַוועקנעמען פון דעם אָרט און סביבה, ווו ס׳האָבן אים געדראָט ארעסט, אַ פּראָצעס און אורטייל.

אויך אין וואַרשע איז באָלעק אין פאַרבינדונג מיט די לינקע קרייזן. ער אַרבעט ביזן יאָר 1931, ווערט מאָביליזירט אין דער פּוילישער ארמיי, צייכנט זיך אויס ווי אַ זעלנער און ווערט געשיקט אין אַן אָפיצירן־שול.

אין 1940, נאָך די ערשטע אַנטי־יידישע גזירות, געלונגט באָלעק׳ן, זיין פרוי און מיר צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד, ווו מיר האָבן איבערגעלעבט די מלחמה־יאָרן. אין 1946 קומט ער צוריק קיין פוילן און זיינע אַמאָליקע פּאַרטיי־חברים לייגן אים פאָר פאַרשידענע הויכע אַמטן, ביז ער דערגייט צום אַמט פון שעף פון דער העכערער אָפיצירן־שול, אין ראַנג פון אַ פּאָלקאָווניק (קאָלאָנעל). מען לייגט אים פאָר צו פאַרבייטן זיין יידישן פאַמיליע־נאָמען אויף אַ פּוילישן – נאָר ער וואַרפט אָפּ דעם געדאַנק.

אין יאָר 1957, האָט אַ געוויסן טאָג זיין טאָכטער זיך אומגעקערט פון שול מיט אַ געוויין, אַז מ׳האָט איר נאָכגעשריען אין קלאס ״זשידוואַ״. די געשעעניש האָט ענטגילטיק אים געשטויסן צו פאַרלאָזן פוילן, איבערלאָזן דאָרט דעם הויכן אַמט און געהאַלט און שנעל עולה זיין קיין ישראל. הגם ר׳איז געקומען קיין ישראל אָן אַ פאַך, האָט ער אָרגאַניזירט אַ קורס פאַר אָפּטאָמעטריסטן נייע עולים און דערנאָך אַליין געפירט מיט דערפאָלג אין תל־אביב אַן אָפּטיק־געשעפט.

אין נאָוועמבער 1983 איז באָלעק קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ און אין עלטער פון 68 יאָר געשטאָרבן אין הדסה־שפּיטאָל אין ירושלים.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק!

מאַרעק אָרטמאַן

זוכט קרובים

POSZUKIWANI

Zdjęcie, które prezentujemy naszym czytelnikom pochodzi sprzed wojny, zostało wykonane 21 stycznia 1937 roku. Przedstawia **Niusię Kestenbaum (lub Kestenberg)**, która mieszkała w Lublinie przy ulicy Niecałej. Swojej kuzynki, Niusi **Kestenbaum (lub Kestenberg)** poszukuje Sara Barnea zamieszkała w Izraelu. Wszelką korespondencję prosimy kierować na adres:

Sara Barnea
Hagay str. 4/1
47-203 Ramat Hasharon

(„דאָס יידישע
וואָרט", וואַרשע)

רעאָרגאַניזאַציע פון לובלינער קאָמיטעט אין ישראל

אויף א זיצונג פון קאָמיטעט פון אונדזער לאנדסמאנשאפט אין ישראל, דעם 17טן אָקטאָבער 1993, איז פאָרגעקומען א פארטיילונג פון די אמטן און פונקציעס פון די חברים, אויף פאָלגנדיקן אופן:

פאָרזיצער – דוד שטאָקפיש,
וויצע־פאָרזיצערס – מתתיהו האָרן און מארק אָרטמאַן,
סעקרעטארין – אירית גאָטליב,
קאסירער – אברהם לאַסקאָווסקי.

די פינף וועלן בילדן דאָס פרעזידיום (עקזעקוטיווע) פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. די פארטיילונג פון וייטערדיקע פונקציעס פאר די קאָמיטעט־מיטגלידער: צעשא און אריה אָבליגענהארץ, ד"ר נתן בן־טובים, ירמיהו גאָטליב, משה וואסאָנג, צפורה וויסלפיש־דסקל, משה זאלצמאן, צעשא טראכטענבערג־פישער און דוד רובינשטיין – וועט פאָרקומען אויף דער נאָענטסטער זיצונג.

די רעאָרגאַניזאַציע און ארבעט־פארטיילונג אויף דער דערמאָנטער זיצונג, איז באהאנדלט געוואָרן אין א פריינטלעכער, חברישער אטמאָספער.

די זיצונג האָט אויך באהאנדלט די צוגרייטונגען צו דער יערלעכער אזכרה, באשטימט אויף דעם 1טן דעצעמבער 1993 אין בית העמלין, ווי אויך די פארשפרייטונג פון "קול לובלין" אין לאנד און אויסלאנד.

מיר ווענדן זיך מיט א בקשה צו אונדזערע בני־עיר אין ישראל און אין די תפוצות וייטער מיטצוארבעטן מיט קאָמיטעט אויפן געביט פון פאראייביקונג, קעגנזייטיקע הילף און סאָלידאריטעט מיט מדינת ישראל, באגלייט מיט מאָראלישע, געזעלשאפטלעכע און פינאנסיעלע הילף לטובת לובלינער אקטיוויטעטן.

בית הספר עלומים, חטיבת הביניים – משרד החינוך והתרבות
המועצה המקומית רמת השרון
י"ח סיון תשנ"ג, 7.6.93
לכבוד מר מתתיהו הורן
יו"ר ארגון
יוצאי לובלין בישראל
א.נ.,

אני מודה לך על מכתבך ועל הודעתך על המשך תרומתכם לבית ספרנו.

אשמח אם תבוא לבית ספרנו ביום א' 20.6.93, כדי למסור את הפרס לתלמידים.

הקשר עם הקהילה יקר מאוד ללבנו ותמיכתכם בחינוך חשובה לנו מאוד

בכבוד רב,
אילנה דן, מנהלת בית הספר

★

תל־אביב
א.נ.,

מר הורן הנכבד,
התרגשתי מאוד לקבל את המחאתך על סך של 500 ש"ח.

דרככם לשמור על קשר אתנו מחממת את לבנו וגם אנו כמוכם מרגישים בחשיבות של שמירת רצף הדורות בינינו.

חובה עלינו לחזור ולהזכיר לדור הצעיר שחינוכו נתון בידינו את מורשת עמנו, ואת דרכו רצופת המכשולים והכאב.

מי יתן והדורות הבאים יזכו לחיות בשלום במדינת ישראל.

בברכה ובתודה
אילנה דן, מנהלת בית הספר

באזכרה בנחלת יצחק. ביום השואה והגבורה • א טייל פון עולם, אויף דער אזכרה אין נחלת יצחק

Nauczanie pamięci

W poniedziałek, 7 czerwca, otwarta została druga część żydowskiego cmentarza przy ul. Walecznych, pomyślana jako pomnik pomordowanych w lubelskim getcie. EF rozmawia z Robertem Kuwałkiem, archiwistą i dziennikarzem, tropicielem śladów kultury żydowskiej na Lubelszczyźnie.

**** Dlaczego drugą część cmentarza otwarto dopiero teraz?***

- Główną przyczyną zwłoki był brak dokumentacji. Na szczęście zachowała się ona w aktach lubelskiego Judenratu.

**** Historia nowej nekropolii nie jest długa.***

- To prawda. Tuż przed wybuchem II wojny zakupiono 4 morgi ziemi, co daje areał około 2 hektarów. Pełne prawa własności gmina żydowska uzyskała do tego terenu dopiero w roku 1940. Na cmentarzu chowano ludzi z obozu przy ul. Lipowej, z getta, a nawet deportowanych zimą 39/40 Żydów niemieckich ze Szczecina. Myślano też o zorganizowaniu na większej części terenu kursów ogrodniczych dla młodzieży żydowskiej - getto nie otrzymywało warzyw. Zmarłych i zabitych było jednak zbyt wielu, by myśleć o żywych...

**** Cmentarz funkcjonował do schyłku roku 1942.***

- Owszem. Największe masowe groby pochodzą z okresu między 17 marca, a połową kwietnia 1942 r. Zwożono tu zastrzelonych na ulicach, rozstrzeliwanych na Zamku i przy ul. Lipowej. Jako miejsce grzebalne nekropolia trwała do 7 listopada 1942 r. - do likwidacji getta na Majdanie Tatarskim. Ostatni udokumentowany pogrzeb z pełnym obrządkiem nosi datę 3 listopada 1942 r.

**** Później zaczyna się polska część historii cmentarza.***

- Istnieją przekazy, pewne zresztą, iż na cmentarzu, już po likwidacji getta, odbywały się egzekucje więźniów Zamku - Polaków. Cmentarz ulegał dewastacji. Okrutne statystyki mówią, że na stu zabitych przypadało ledwie 17 grobów. Chowano szybko, byle jak. Zmarłych w transportach na Majdanek również.

**** Kto z wybitnych postaci przedwojennego Lublina został tu pochowany?***

- Między innymi **Leon-Lejb Szper** - rabin wojskowy lubelskiego garnizonu, jednocześnie nauczyciel hebrajskiego i historii żydowskiej w Gimnazjum Szperów. Jeszcze **Jakub Waksman** - reżyser i autor sztuk teatralnych. W grudniu 1941 roku dołączył do nich **Maurycy Schlaf**, radny m. Lublina i gminy żydowskiej, działacz społeczny i syjonistyczny.

**** Pora na kilka słów o pani Bass-Frenkel i jej mężu.***

- Po likwidacji getta **Sara Bass-Frenkel** razem z siostrą Leą ukrywały się na nowym cmentarzu. Tam znaleźli je obecny infułat, ponad dziewięćdziesięcioletni już ksiądz **Jan Poddębniak** i **Władysław Janczarek**. Dzięki fałszywym dokumentom, jako Polki wysłano je na roboty przymusowe do Niemiec, gdzie doczekały wyzwolenia.

Manfred Frenkel urodził się w Niemczech, w Brunswicku. W 1938 roku wywieziono go do Zbąszynka, później do getta w Łodzi. 24 sierpnia 1944 r. deportowano go do Oświęcimia. Przetrwał, po wojnie poznał panią Sarę. Wyjechali do Izraela, by ostatecznie osiedlić się w Antwerpii.

**** Oboje utworzyli fundację, znaną już w Lublinie.***

- Tak, dzięki nim zrewaloryzowano pierwszą część cmentarza przy ul. Walecznych i postawiono izbę pamięci. W części nowo otwartej wykorzystano wydeptane przez mieszkańców Ponikwody i Kalinowszczyzny ścieżki. Wybetonowano je, wykorzystano wał z gliny. Wzniesiono też ohel (po hebrajsku namiot), stojący w tradycji żydowskiej nad grobami ludzi szczególnie zasłużonych. Ten symbolizuje zagładę. Wewnątrz ohelu umieszczono fragmenty ocalałych macew. Jest też miejsce na prochy.

**** Na otwarcie przybyli ludzie różnych wyznań.***

- Celebrował uroczystość nadkantor z Antwerpii **Benjamin Muller**, który odśpiewał przepięknie psalm i modlitwę za zmarłych "El mole rachamim". Był przewodniczący Związku Gmin Wyznaniowych Żydowskich w RP - **Paweł Wildstein**. Zjawił się prezydent Lublina **Leszek Bobrzyk**. Jeszcze arcybiskup **Bolesław Pylak**, rabin RP **Menahem Joskowicz** oraz przedstawiciel duchowieństwa prawosławnego. Manfred Frenkel przemawiał osobiście. W imieniu jego żony mówiła pani **Lucas**, wiceprzewodnicząca Izraelskiego Czerwonego Krzyża, pochodząca z... Lublina.

Żydów lubelskich z zagranicy było mało. Do tego fatalne tłumaczenie a vista z niemieckiego i żenujące zachowanie ekipy tv, czyniącej z uroczystości prawie show. Wszystko to komentowano po obiedzie na prywatnym spotkaniu z fundatorami.

**** Co na przyszłość?***

- Trochę pamięci. Przecież Polacy z Zamku też leżą przy ul. Walecznych. Do tego sprawa żydowskich nauczycieli, uczących wspólnie z polskimi kolegami. Przed wojną Lublin wyglądał inaczej. I mówił kilkoma językami. Czy nie za szybko zapominamy?

Rozmawiał: Lech L. Przychodzki

Repr. T. Brożek

KOL LUBLIN
VOICE OF LUBLIN
ANNUAL OF LUBLINERS IN ISRAEL AND DIASPORA

"LUBLINER SHTIME" • TEL-AVIV • NOVEMBER 1993 • No. 29

Seminarium "Polska - Izrael" w Lublinie

Urszula Przybył

Dzieje Żydów na ziemiach polskich

Związek Nauczycielstwa Polskiego - Zarząd Główny w Warszawie oraz Zarząd Okręgu w Lublinie, były organizatorem czterodniowego seminarium na temat "Polska - Izrael". Miejscem seminarium był Lublin, który w dniach 8-11 kwietnia br. gościł nauczycieli z całego kraju. Inauguracyjny wykład na temat "Historia koegzystencji narodu polskiego i żydowskiego i jej wpływ na kształtowanie kultury i życia społeczno-gospodarczego w Polsce" przedstawił prof. dr hab. Zygmunt Mańkowski, kierownik Zakładu Historii Najnowszej, dziekan Wydziału Humanistycznego Uniwersytetu Marii Curie-Skłodowskiej w Lublinie.

W wykładzie prowadził słuchaczy od pierwszej wzmianki o państwie polskim zapisanej w "Księdze Dróg i Królestw" przez hiszpańskiego Żyda - Ibrahima Ibn Jakuba, poprzez najstarszą wzmiankę o Żydach na ziemiach polskich, pochodzącą z 1097 roku, zapisaną przez Jehudę-ha-Kohena, uczonego rabiego z Moguncji.

Mówiąc o Soborze Laterańskim z 1215 roku wspomniał o nakazach i zakazach narzuconych Żydom żyjącym w społecznościach chrześcijańskich. Przeciwstawił im "Statut Kaliski" nadany Żydom polskim w 1264 roku przez księcia Wielkopolski Bolesława Pobożnego, który między innymi, umożliwił Żydom urządzenie swego wewnętrznego życia na zasadzie samorządu gmin żydowskich, dopuszczał do prowadzenia operacji kredytowych, zapewniając im bezpieczeństwo i ochronę mienia osobistego. Jego śladami poszli: książę wrocławski, głogowski, legnicki - no i w latach 1364 i 1367 - król Kazimierz Wielki, który uregulował życie Żydów w całym kraju przez wydanie odpowiednich przywilejów.

I tak, krok po kroku, prof. Mańkowski prowadził słuchaczy do końca XVIII wieku, następnie poprzez okres rozbiorów do niepodległej Polski, okresu II wojny światowej - tragicznego Holocaustu i okresu powojennego. Szczególną uwagę zwrócił na rolę, odegraną przez Żydów w Lublinie, mieście uważanym za centrum handlowe między Wschodem a Zachodem. W wykładzie przewijały się blaski i cienie we współżyciu dwu narodów o odrębnej kulturze i obyczajach, żyjących przez wieki obok siebie na polskiej ziemi.

W kolejnym wykładzie, prof. dr hab. Tadeusz Radzik, pracownik naukowy Zakładu Historii Najnowszej tego samego uniwersytetu, przedstawił kulturowe, obyczajowe i ekonomiczne więzi Polaków i Żydów w aspekcie historycznym.

Po tych wykładach, organizatorzy przewidzieli czas na pytania i dyskusję.

Kolejny dzień seminarium rozpoczęła pokazowa lekcja wychowawcza na temat filmu Agnieszki Holland "Europa - Europa". Prowadził ją mgr Krzysztof Styczyński. Z dużym zainteresowaniem przysłuchiwali się jej uczestnicy seminarium. Wielu z nich skrzętnie notowało ciekawsze wypowiedzi.

Po kolejnych wykładach dr Moniki Adamczyk Grabowskiej o losach Żydów na przykładzie literatury i sztuki polskiej oraz mgr Tomasza Kranza o metodach nauki o Holocauście, omówiono lekcję wychowawczą. Z wypowiedzi uczestników seminarium wynikało, że zwrócili uwagę nie tylko na to, co mówili uczniowie, ale również na sposób jej prowadzenia.

Z dużą troską i odpowiedzialnością mówiono o tolerancji, zastanawiając się nad sposobem pełnego wykorzystania programów nauczania w polskiej szkole, do wychowania dzieci i młodzieży w duchu poszanowania innych narodów i zgodnego z nimi współżycia. W wielogodzinnej dyskusji, pedagodzy zwrócili uwagę na konieczność i sposób wykorzystania aktualnych problemów państwa Izrael na lekcjach historii, wiedzy o społeczeństwie i godzinach wychowawczych.

W czasie seminarium dokonano również analizy tekstów z Antologii, tłumaczonych na język polski.

Nauczyciele, uczestnicy seminarium z dużym zadowoleniem przyjęli propozycję gospodarzy dotyczącą poznania miejsc pamięci narodu żydowskiego - Lublin, Majdanek, Trawniki, Sobibór, Włodawę i Łęczną.

To seminarium, tak starannie przygotowane i prowadzone, jest jeszcze jednym wyrazem dużego zainteresowania polskich nauczycieli problematyką żydowską i co najważniejsze, zdecydowanego uczestniczenia w procesie zbliżania do siebie i kontynuowania zgodnego współżycia Polaków i Żydów.

"קול לובלין"
שנתון ארגוני הלובלינאים בארץ ובחו"ל

המערכת – רעדאַקציע:
ד"ר נתן בן־טובים, אירית גוטליב,
צפורה דסקל־וייסלפיש, מתתיהו הורן,
אברהם לסקובסקי, אלכסנדר שריפט.

העורך – רעדאַקטאָר: דוד שטאָקפיש

★

כתובת המערכת – אדרעס פון רעדאַקציע:
"קול לובלין", תל־אביב, דיזנגוף 158
"Kol Lublin", Tel-Aviv, Dizengof 158, Israel

★

"הדפוס החדש", ת"א, טל' 378833

teatrnn.pl